№ 34.

צוויטער יאהרגאנג

יודישע

פאלקס-צייטונג

19 August 1903. פערלאג „פאלקס-בילדונג“ ווארשא. כ"ו אב תרס"ג.

אינהאלט: דאס אומזיסטע שרעקען זיך. — ציוישען צייטונגען און זשורנאלען; לעקטאר. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. — ד"ר הערצל אין ווא־שא. — דער רבנים־קאנגרעס אין קראקא; ש. מ. לזר. — בריף פון לאדז; אברהם פער... — היינטיגע יאהרען; מ. י. בערדיטשעווסקי. — וואו נעמט מען (שיר); אברהם רייזען. — אלטניילאנד; משה קליינמאן. — די וועלט־געשיכטע; ה. קירשענבוים. — ליטעראטור און קונסט. — אלערליי.
יודישע פרויענוועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — וועגען פרויען־ערציעהונג; נ. מולנער. — מודעות.
פעליעטאן: אין די ווארמבעדער; שלום־עליכם.

ווינש-קארטען (לשנה-טובה)

עס ציורים מציון!

פראכטפאללע ארבייט! 20 סארטען ווינש-קארטען (פאסט-קארטען) מיט פערשידענע שענע בילדער מארץ הקדושה. פרייז פאר א קאלעקציאן פון 20 שטיק מיט פרטא 50 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע פעראיינען בעקומען גרויסען ראבאט.

אויך געפינט זיך א פרעכטיגער אונגעהייער גרויסער אויסוואהל פערשידענע שענע מארטען אויסלאנדישע ווינש-קארטען, אנטיקען אונגעהייער בילליג! פאר 5 רובל בעקומט מען א פאלשטענדיגע קאלעקציאן ווינש-קארטען (וועניגער פון 2 רובל ווינש-קארטען ווערט מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט, ביז 1 רובל קען מען שיקען מיט פאסט-מארקען) אלע בעשטעלונגען ווערען ערפילט „שנעל און פונקטליך גוט און בילליג“.

קארטא פאלעסטינא.

דיזע קארטע ענטהאלט: אללע שטעדט, שטעדלעך, טייכען, טייכלעך, אלטע און נייע קאלאניעס, צייגט אן: די גרענעצען פון די שבטים, וויפיעל מענשען יעדע קאלאניע האט און וויפיעל ערד יעדע קאלאניע בעזיצט א. ד. ג. דיזע קארטע איז פראכטפאל שען געדרוקט אין 8 שענע פארבען. פרייז 40 קאפ. סוחרים און ציוניסטישע-פעראיינע בעקומען גרויסען ראבאט. (וועניגער פון 5 קארטעס ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט).

233 אדרעססע: 7—10

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ.

58 נאוואליפקי 58

צום אנפאנגס 20-טען יאהרהונדערט

די נייעסטע און נוצבארסטע ערפינדונג צו פעררי֊כט אללערליי שוהוועהרק אהן נעהט און ניט צו דערקענען קיין שום צייכען פון א לאטע

דער גרעסטער עלעגאנט, וועלכער האט ביז יעצט נישט געוואלט טראגען קיין פעררי֊כטע שוהע, קאן עס זיך יעצט גאנץ דרייסט ערלויבען וויעהרענד די שוהע קומען ארוים פונקט ווי פון דער ניי.

עס ווערט פעררי֊כט שוהווערק פון אללערהאנד לעדער: האמבורגער, געמזא, קאלירטע און לאקירטע, און צו בעקוועמליכקייט פיר די קונדען פערפערטיגען מיר אויך אללערליי אנדערע רעפעראציעס, ווי זאהלען, אבצאסען א. ד. ג צו זעהר בילליגע פרייזען.

מיר האבען ספעציעלע מענשען צום אהננעמען און אבשיקען די ארבייט, מען דארף אונז נור מודיע זיין די אדרעססע.

ביטע צו ערקונדיגען זיך אין

229 מעכאנישען ווערקשטאט 25—8

נאוואליפקי 58. גרינשטיין עט אקערמאן.

58 נאוואליפקי 58

!!! יודישע שרייב מאשינען !!!

ארגינעל אמעריקאנישע

פאר 20 רובעל

עמפפעהלט און פערפליכטעט זיך אויסצוטוישען אימפאלע זאלען צו שאנדען ווערען

אים לויפע פון 3 יאהר

Торг. Домъ Г. ЛАСКІЙ и Ко.
Варшава. Гожая 46е соб. домъ

241 אויסער שטעדטישע ווירד געשיקט פער נאכנאמע. 2—3

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !

! לעהרערס מיטטאגע !

ווילט איהר פרישעס עססען?

ווילט איהר געזונטעס עססען?

ווילט איהר גענוג צו עססען?

ווילט איהר בילליג צו עססען?

זאלט איהר קומענדיג אין ווארשא געהן עססען די בעקאנטע **לעהרערס מיטטאגע**

אין ריבינשטיינס רעסטאראן, נאלעווקי 17 — דזיקא 14

12 10 ביטטע נישט צו פערגעססען די אדרעססע. (218)

די רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג" איז מודיע, אז זי איז צוגעטרעטען ארויסצוגעבען א זאמעל-בוך (סבארניק) פאר דעם פאלק מיט דעם נאמען

„הילף"

די גאנצע הכנסה פון דעם סבארניק וועט

געהן פאר די פאראומגליקטע יודען אין קישינוב.

אין דעם דאזיגען סבארניק וועלען אריינקומען זאכען פון די בעסטע שריפטשטעלער, וואס שרייבען זשארגאן און העברעאיש און אויך די וואס שרייבען אין אייראפעאישע שפראכען, וואס וועלען פון דער רעדאקציע איבערזעצט ווערען אין זשארגאן.

אויך וועלען אריינקומען אין דעם זאמעל-בוך אילוסטראציעס פון בעריהמטע יודישע קינסטלער.

ביז יעצט האבען זיך אנגערופען מיטצוארבייטען אין זאמעל-בוך „הילף": נישט יודישע שריפטשטעלער: לעוו טאלסטאי; מאקסים גארקי; וולאדימיר קאראלענקא; אנטאן טשעהאוו; עליזא ארזשעשקא; ראשער היין; פראפעסאר באזשענאוו.

יודישע שריפטשטעלער: מענדעלי מוכר ספרים; שלום עליכם; דוד פרישמאנן; בן-עמי עזרא גאלדין; מנשה מרגליות; אלעזר שולמאן; ד"ר מ. י. בערדיטשעווסקי; מרדכי בן הלל הכהן; ד"ר י. ליאקומאוויטש; מ. מ. הורוויץ; א. ד. ראזענטהאל; יעקב כהן; י. ה. ראבניצקי; יוסף יפה; דוד פינסקי; י. לערנער; יהודה שטיינבערג; ליפמאן לעווין; א. רייזען; ל. יפה; א. ש. זאקס.

דער פרייז פון סבארניק איז 1 רובל מיט פארטא.

דעם חשבון פון דער הכנסה מיט דער הוצאה פון סבארניק וועלען מיר אין דער צייט מודיע זיין אין אלע יודישע צייטונגען.

רעדאקציע „יודישע פאלקס-צייטונג".

בשורה נעימה!

צאת לאור ספר תולדות ישראל מצייר!

ללמד את ילדי בני ישראל את ההיסטריה הבבלית עם קצור דברי ימי עמנו עד חתימת התלמוד, בשפת עבר על טהרת הקדש עם תרגום רוסי, מאת הבלשן הנודע המדקדק והמבאר הר' יצחק ווארשאווסקי, שרק ההיסטריה העברית הזאת לבדה מאשרת מטעם הממשלה בתור ספר למוד ההיסטריה הבבלית (УЧЕБНИКЪ по Библейской Исторiи) יצא לאור בתבנית מפוארת על נייר יפה ודפוס יפה נחמד למראה, עם ציורים רבים מהדרים ועם הוספות ותקונים והערות כרנלגיות ובאוריות בשפת רוסיה מאת המחבר, למען אשר ימצאו בו תועלת רבה מבין עם תלמיד. ואף כי ההוצאה הזאת עלתה בדמים מרבים מאד, עכ"ז קצבנו את מחיר הספר רק 60 קאפ׳, עם פארטא 75 קאפ׳ ועי" נאכנאהמע 85 קאפ׳. לסוחרי ספרים ולבתי ספר רבאט הגון.

אדרעסע: 232 12—7

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטינקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскiй, Варшава

Налевки № 37

(135) 50—24

יודישע פאלקס-צייטונג

א וואכענבלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס-פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב-יעהרליך 2 רובל
פיערטעל-יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון ש"ום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב-יעהרליך 3 רוב", פיערטעל-יעהרליך 1.50 רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר' אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען 2 רובל, דעם 1-טען אפריל 1 רובל, 1-טען יולי 1 רובל אונ דעם 1-טען אקטאבער די לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העלער. 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העלער. 80 פעניג.

אבאנאמענטס-פרייז:
עסטרייך-אונגארן: יעהרליך 10 קראנען.
האלב-יעהרליך . . . . 5 „
פיערטעל-יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון ש"ום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען; 11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק 6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהרליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30 שילינג; 7.29 פראנק.
ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העלער.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія“ Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“
מינדליך: נאַיאליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך-אונגארן אונ אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung“
Krakau, Sebastyangasse 32.

19 August 1903. | Nr. 34. | כ"ו אב תרס"ג.

אויף דעם

יעקסטען ציוניסטען-קאנגרעס אין באזעל

איז געפאהרען אלס ספעציאל-קארעספאנדענט פון

„יודישע פאלקס-צייטונג"

ה' מ. קליינמאן.

דאס אומזיסטע שרעקען זיך.

אין עטליכע שטעדט פון גאליציע איז ארוים דער זעלבער פאלשער קלאנג ווי צוריק מיט אפאר חדשים אין רוסלאנד, אז קריסטען ווארפען אין די גאסען פארגיפטעטע קאנפעקטען, כדי צו פארסמ'ען יודישע קינדער. דער קלאנג האט שיעור נישט ארויסגערופען פאגראמען אין רזשעשאוו, לעמבערג אונ איבערהויפט אין קראקא. די יודען זענען בעפאלען איינינע קריסטען, אויף וועלכע מען האט אנגעוויזען, אז זיי ווארפען די קאנפעקטען, זיי האבען זיי געשלאגען, ביז די פאליציי האט זיי פונאנאנדער גענומען.

גאר ניט לאנג האבען מיר אויך אין איינינע גרויסע שטעדט אין רוסלאנד געהערט די אייגענע מעשה. אין ווארשא, ווילנא, בערדיטשעוו אונ זיטאמיר — האבען אויך מוטערס עטליכע טעג די קינדער פון שטוב ניט ארויסגעלאזען, אום זיי זאלען חלילה ניט געפינען א פארגיפטעטען קאנפעקט. איצטער האט די לעגענדע אוועקגעשפאצירט אזש קיין גאליציע אונ וואו זי קומט ווארפט זי אן א פחד אויף די יודישע איינוואהנער, מען הערט אויף צו אינטערעסירען זיך מיט די נייטינע טאג-טעגליכע בעשעפטיגונג אונ מען גיט זיך איבער די איינציגע מחשבה, אז דאס לעבען איז אין געפאהר.

קיין ערגסטער מצב קאן שוין ניט זיין, ווען א גאנץ פאלק ליגט אין טויט-שרעקעניש אונ קוקט ארוים מיט ציטערניש אויף דעם מארגענדיגען טאג; ווען עס האט מורא די אויגען צו עפענען, טאמער דערזעהט עס ווידער דעם שרעקליכען בילד; ווען עס האט מורא שטארקער ארויפצוטרעטען אויף דער ערד טאמער שיסט ווידער ארוים דאס פייער — אזא צושטאנד קאן קיין גוטס נישט ברענגען.

פון וואנען קומט דאס ארוים?

אהן שום ספק, אז דאס קומט ארוים פון אונזערע צערייצטע נערווען. מיר זענען אזוי איבערגעשראקען פון די לעצטע צייטען, מיר זענען געווארען אזוי נערוועז, אז מיר ציטערען פאר יעדען שארך אונ אונזער קראנקע פאנטאזיע בעקומט שטענדיג שטאף אונ מאלט פאר אונזערע אויגען נייע מורא'דיגע בילדער.

אמת, מיר בעקומען טאקי אלע טאג נייע פאקטען, וואס קענען אונז שרעקען. די אונארדענונגען אין לאנדאן אונ דער שפאגעל נייער פאגראם אין סאפיא (בולגאריע) ווייזען אונז, אז פאר יודען איז ממש נישטא אויף דער ערד קיין ארט, וואו זיי זאלען קענען געפינען רוה. וואס דארף מען שוין דאכט זיך פריינדליכער אונ בעסער פאר יודען ווי ענגלאנד איז? וואס דארף מען שוין מענשליכער ווי די ארבייטער זענען, די ארבייטער, וואס אונזערע יונגע לייט לויבען זיי אב אין טאג אריין, אז ביי זיי איז חלילה נישטא קיין אונטערשיד פון נאציאנען, נאר אלע פראלעטאריער פון דער גאנצער וועלט זענען ברידער — אונ דאך, מיינענדיג אז די יודען קאנקורירען מיט זיי — האבען זיי, ווי די צייטונגען האבען ניט לאנג געשריבען, מיט דעם קולאק געוואלט פארענפערען די סאציאלע פראגע. נאר נאך אזא פאקט דארף מען ניט פאהרען אין ענגלאנד — איהר וועט איהם טרעפען אויך ביי אונז. ווי די צייטונגען שרייבען, איז אין איינע פון די שטעדט א מאסע פון 300 ניט-יודישע ארבייטער בעפאלען אויף די יודישע ארבייטער אונ האבען זיי געוואלט שלאגען, פאר וואס זיי טרעטען ניט אב דעם פלאץ אין די לעדער-פאבריקען.

און די בולגארען, די אונטערדריקטע, די וואס ווילען זיך בעפרייען פון דעם טערקישען יאך, די וואס פיהלען אליין ווי ניט גוט עס איז צו זיין אונטערדריקט — זיי בעפאלען אויף די יודען, וואס לעבען גאנץ רוהיג און אין פריעדען מיט די בעפעלקערונג. און וואו קומט עס פאר? אין בולגאריע וואו די יודען זענען אזוי ווייניג, אזא קליינער פראצענט!

אבער די אלע זאכען זענען דאך שוין ביי אונז קיין נייעס ניט. עס געהט נאך ניט אוועק איין יאהר אהן עפיס איין אומגליק אין וואסער עס איז א מדינה. אבער שטעהען שטענדיג אנגעגרייט און ווארטען אויף צרות, דאס טארען מיר געוויס ניט, דען דאס שטערט אונזער גאנצען טעגליכען לעבען.

פאר וואס האבען מיר מורא צו האבען, פאר פארגיפטעטע קאנפעקטען? מיר האבען זיך שוין דאכט זיך געקאנט איבערצייגען, אז דאס איז א בבא־מעשה. אויך אין די אכציגסטע יאהרען נאך די ערשטע פאגראמען איז ארויס אזא קלאנג אין פיעל שטעדט און נאך דענסטמאל האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז מעהר גישט ווי איין אויסגעטראכטע זאך.

וואס דען, פאגראמען? דער געוויסער טייל פון המון איז ווירקליך גרייט אין יעדער רגע ביי יעדען צופאל ארויפצופאלען אויף יודען. עס איז אבער דא א העכערע, שטארקערע מאכט: די רעגירונג, וואס קאן צו יעדער צייט איינשטילען די אויפגערייצטע אינסטינקטען פון דעם המון. און ווי באלד, אז די רעגירונג וויל קיין פאגראמען ניט — קענען מיר שוין זיין זיכער און רוהיג, אז מיר וועלען זיין בעשיצט.

און אז די רעגירונג איז אומצופרידען פון די פאגראמען און אז זי וויל איינשטילען דעם כעס פון דעם המון — האבען מיר בעשיינפערליך געזעהן. אין פיעלע שטעדט האט שוין גאר געהאלטען ביי פאגראמען און נאר צו דאנקען די ענערגיע פון דער פאליציי איז געראטען אבצוהאלטען דעם שטורם. אין קישינוב, וואו די בעפעלקערונג איז מעהר אנגערייצט אויף יודען, צו וועלכע די בעוואוסטע חבריא האט איינגעווארצעלט שנאה, האט דער קניאז אורוסאוו, דער נייער בעסאראביער גובערנאטאר, ביי זיין אנקומען, אין זיין רעדע צו דער יודישער דעפוטאציע בפירוש געזאגט: „איך בעטראכט אייך אלס פארשטעהער פון א טייל איינוואהנער, וואס זענען פאררעכענט פאר געטרייע בירגער צו דער רעגירונג. פאר מיר איז קיין יודען און קריסטען נישטא". „איך עהרע און אכטע די יודען אלס געבילדעטע און הויך־ענטוויקעלטע פערזאנען. איך פארהאף, אז די שרעקליכע צופעלע, אויף וועלכע איך קוק ווי אויף א מגפה אדער א מבול, וועלען פארגעסען ווערען. לויט דעם בעפעהל, וואס איז ניט לאנג געשיקט געווארען צו די גובערנאטארען וועל איך שטארק אכטונג געבען, אז די צייטונגען זאלען צו יודען קיין שנאה ניט וועקען. בערוהיגט אייערע ברידער און קעהרט זיך אום צו אייער ארבייט".

אין די ווערטער האט ער דייטליך ארויסגעזאגט די מיינונג פון דער רעגירונג. דער קניאז אורוסאוו האט נאך זיינע ווערטער בעשטעטיגט מיט דעם וואס ער האט אבגעגעבען א וויזיט ביי די פארשטעהער פון דער יודישער געמיינדע, א פאקט, וואס לויט די אדעסער צייטונגען שרייבען, איז עס נאך ניט געווען אין דער געשיכטע פון בעסאראביער גובערניע. דער וויזיט האט אויך אין זיך די זעלבע כונה: צו ווייזען פאר די בעסאראבער בעפעלקערונג, אז די רעגירונג אכטעט צוגלייך איהרע אונטערגעבענע, אהן איין אונטערשיד פון רעליגיאן.

ווייטער די אמת'ע רוסישע אינטעלעגענץ איז אויפגעבראכט פון די פאגראמען און פארהאלט זיך מיט פאראכטונג צו די אנטיסעמיטען, וואס האבען מיט זייער שנאה צו יודען די אונרוהען ארויסגערופען. זיי ווייזען אויף גאנץ ריכטיג, אז די כלומר'שט פאטריאטען

פעליעטאן.

אין די ווארמבעדער

(בילדער, טיפען, באגעגענישען, צרות און פארגניגען.)

פון

שלום־עליכם.

ד.

(א פסק פון א ווייב. יודען מיט קאפעליושליך. ווייבער מיט פארוקען. מע שמועסט פון ציהרונג און חיה עטיל פאלט חלשות.)

וואו זענען אהינגקומען די יעקאטערינאסלאווער מאסיוונע דאמע וואס פאהרט קיין מאריענבאד פארליהרען דרייסיג פונט, מיט דער טאכטער די כלה, מיט דער איידעלער שוועסטער וואס זיי האבען ערווארטעט פון אדעס — ווייס איך ניט, זיי זענען ווי אין וואסער אריין. עס קאן זיין זיי האבען זיך באזעצט אין איין אנדער וואנאן און איך האב זיי געוואלט געהן זוכען, האט מיר מיין חיה עטיל געגעבען א פסק און איז דווקא ניט געוועזן אונגערעכט.

— וואס הייסט? — זאגט זי צו מיר — מיר זענען נאר וואס אריבער די גרעניץ, ווילסט דו מיך שוין איבערלאזען איינע אליין אין א פרעמד לאנד און געהן זוכען פרעמדע ווייבער?

— טאקי פון דיין טובה וועגען — וויל איך מיך פאר ענטפערען, נאר איך מאך ערגער: „זי דארף ניט, זאגט זי, מיינע טובות, זי קאן זיך זאגט זי באגעהן אהן זיי, און צווייטענס, אז עס וועט איהר זיין שטארק סקוטשנע וועט זי זיך נישקשה אליין אפזוכען א קאמפאניע..." — און כך הוה, מיר זענען נאר געקומען אונטער לעמבערג האט אונזער וואגאן אנגעהויבען אנגעפילט ווערען מיט יודען און ווייבער — און וואסערע יודען! וואסערע ווייבער! וואסערע קאפעליושליך, וואסערע קאפאטעס מיט וואסערע גארטעליך און מיט וואסערע שיך און זאקען; און די ווייבער — צנועות! טראגען מושקעס, גאנצע שלייערס אויף די קעפ, — רביצינס! היינט די שפראך זייערע! זייער ארט רעדען אלע אינאיינעם, און פונ'ם גארגעל! און מיט די הענט און מיט א נגון!

— אט דאס זענען „דייטשען"? — מאכט צו מיר חיה־עטיל מיט די אויגען.

— וואס זאגסט דו דערויף? — ענטפער איך איהר אויפ'ן ווינק.

— ארץ ישראל! — מאכט צו מיר מיין ווייב.

קיינמאל האט נאך מיין ווייב אזוי גלייך ניט געזאגט כ'לעבען. ארץ ישראל, ווי איך בין א יוד!

מיר האבען זיך ביידע געפיהלט עפיס אזוי היימיש, גלייך ווי מיר וואלטען געקומען ניט קיין אויסלאנד, נאר קיין בארדיטשעוו אדער

פיהרען איבער מיט זייערע העצערייען די מדינה און צעשטערען איהר רוה.

און צום סוף דער לעצטער פאקט, דער נייער צירקולאר פון הייליגען סינאד צום קישינובער עפיסקאפ, וועלכען מיר האבען גע־בראכט אין א פריהערען נומער, וואו עס ווערד אנגעזאגט מען זאל זעהן אויסוואָרצלען די שנאה צו יודען דורך רעדען צום פאלק. דער פאקט ווייזט אונז גענוי ווי די גייסטליכע פארהאלטען זיך צו דעם און ווי זיי זעהען צו בענוצען זיך מיט זייער ווירקונגס־קראפט אויפ'ן המון, כדי איינצופלאנצען ליבע צו אלע יודען און אנדערע אומות און אויסוואָרצלען די אומזיסטיגע שנאה.

ווען די רעגירונג, די אמת'ע אינטעלעגענץ און איבערהויפט די גייסטליכע, וואס האבען א גרויסע ווירקונג אויפ'ן המון, זענען געגען פאגראמען, קענען מיר דאך האפען, אז סוף כל סוף וועט דאס פארהעלטעניס פון קריסטען צו יודען פארבעסערט ווערען.

אלענפאלס מוזען מיר זיך בערוהיגען און אויפהערען צו לעבען אין ציטערניש, צו געהען מיט אראבגעלאזענע הענט און דעריבער זיך ניט קענען נעמען צו קיין זאך, צו קיין ארבייט.

און צו טון האבען מיר זעהר פיעל אי פאר אונזער „היינט", אי פאר אונזער „מארגען". מעהר ווי אלע מאל מוזען מיר זיך פאר־אייניגען און אנהויבען היילען אביסל די אינעווייניגסטע פעהלער, און אפשר טאקי אויך גאנץ מאכען די צעריסענקייט פון אונזער פאלק זעלבסט, דער זאל ניט ציהען אהער און דער דוקא אהין, דער זאל ניט זאגען טאג און יענער דוקא נאכט.

גענוג! די טרויעריגע בלעטל צו אונזער געשיכטע איז שוין צוגעשריבען; יעצט דארפען מיר זיך ווידער אומקעהרען צו אונזער טעגליכען לעבען און צו אונזער ארבייט מיט א גלויבען אין אונזער קראפט און מיט בטחון אויף בעסערע, גליקליכערע צייטען.

צווישען צייטונגען און זשורנאלען.

דאס קינד איז נאך גאר נישט געבארען, סע איז א סברה, אז אפילו דאס מעוברת־זיין איז נאך גאר נישט אזא קלאר בעוויזענע זאך, און שוין טון זיך אב מחלוקות צווישען מאן און ווייב איבער דעם קינדס וויגעלע, וואו זאל מען עס שטעלען. איך מיין דאס קענען די „אגודת סופרים". נישט דא קיין אגודה, נישט דא קיין סופרים, מאטשעק האט קיין וואגען און וואטשעק האט קיין פערד; סע איז פארהאנדען דערווייל נאר א פלאן אליין, א פראיעקט הייסט עס וואס איינער א שרייבער האט אויפגעגעבען, צו גרינדען א מין חברה פון יודישע שריי־בערס מיט איין איינענע קאסע, אזוי ווי להבדיל חברה שניידערס, חברה שוסטערס, חברה בייגעל-מאכערס, חברה קדישא וכו' — אט דאס איז אלעס, און דער איינער, דער שרייבער, מרדכי בן הלל הכהן הייסט ער, וואס האט דעם דאזיגען פראיעקט אויפגעגעבען האט אין איין וועג זיך בעמיהט אויך די ערשטע עטליכע גראשען פון עטליכע יו־דישע שרייבערס צוזאמען צו נעמען, בכדי צו קענען מאכען די ערשטע נייטיגע שריט — אט דאס איז אלעס, און שוין טון זיך אב מחלוקות ביי אונז אין די צייטונגען עד לב השמים, פארשידענע יודישע שריי־בערס קומען און האבען טענות, און פון דער ערשטע מינוט ביז אויפ'ן היינטיגען טאג האבען די מאמרים נאך נישט אויפגעהערט זיך צו מאמר'ן. קומט הער קליינמאן און זאגט אזוי און אזוי, קומט ווידער הער ראזענפעלד און זאגט: לא כי, נישט אזוי נאר אזוי, קומט דער פעליעטאניסט פון „הצפירה" און טענה'ט גאר אנדערשט. קומט ווידער הער טאוויעוו און זאגט זיין סברה, קומט דאן הער ראזענפעלד צום צווייטען מאל און זאגט דארט וואס ער זאגט — אז איין גאט מעג זיך מרחם זיין. הער מרדכי בן הלל האט זיך איינגעקויפט א פנים מפטיר. אויף טייטש הייסט עס, ער האט אריין געשטאכען אין א נעסט פון ביענען. מיט יודען, האט די באבע געזאגט, זאל מען געהן אין

קיין יארמעלינעק אויפ'ן יריד. דער חלוק איז נאר געווען דאס, וואס ביי אונז אויפ'ן באהן, אז עס מאכט זיך אזא קאמפאניע האט מען בזיוגות פון די אלע איבעריגע פאססאזשירען, עס ווערד א שמועס וועגען יודען, וואס זענען אומעדום פול און וואס האבען שוין איינגענומען כמעט דאס גאנצע לאנד, און עס לאזען זיך הערען די בעקאנטע ווערטער: „קאהאל", „זשידי", עקספלאאטארי", וכדומה זיסע נעמען וואס מע איז שוין מיט זיי ביי אונז ברוך השם געוואהנט געווארען.

געוויינטליך האבען מיר זיך מיט דער דאזיגער קאמפאניע גיך בעקאנט און גאנץ געשמאק צערעדט זיך. דערהערט פון אונז אז מיר זענען פון „רוסלאנד" האבען די דאזיגע „דייטשען" געקוקט אויף אונז מיט משונה מאדנע אויגען, און באטראכט ווי מע באטראכט א שטיי־נער מאלפעס: דאכט זיך מענש און פארט ניט מענש... זיי האבען ביי אונז אויסגעפרעגט איטליכס ברעקיל, געוואלט אויסטאפען וואס ביי אונז אונטער די נעגעל טהוט זיך, זיי האבען זיך אלץ נאכגעפרעגט ביי אונז וואס מיר עסען? צו וועלכען רבי'ן פאהרען מיר? און צי זענען מיר געווען אין „פעטערסבורג"? און צי האבען מיר געזעהען מאסקווא?

קוקען אויף זיי האט מען געקאנט זיכער מיינען אז די דאזיגע „דייטשען" טהוען גאר ניט, נאר זיי פארנעמען זיך מיט פאליטיק. צום סוף אז איך האב מיך גוט צוגעהערט צו זייערע שמועסען האב איך מעהר נישט געהערט פון זיי א חוץ „באקפיש", „א געפיטערט געגזל", „קאלבסבראטען" וכדומה אזעלכע זאכען וואס זענען שייך צו דער קישקע...

דאס איז געווען ביי מיר צווישען די מאנסבילען, און דארט ביי מיין ווייב מיט די דייטשע צנועות איז געגאנגען נאר איין אנדער מין שמועס: די ווייבער פון ביידע צדדים האבען גערעדט פון דער „מאדע", וואס מע טראגט „ביי אונז" און וואס מע טראגט „ביי זיי" און ס'האט זיך אויסגעלאזט, אז חאטש זיי זענען „דייטשען" און מיר זענען „רוססען", פון דעסטוועגען האלט מען ביי אונז פון דער היינטיגער מאדע אסך מעהר ווי ביי זיי.

— א סימן האט איהר — זאגט צו זיי מיין חיה עטיל — נעמט א שטייגער אייער ציהרונג און אונזער ציהרונג. ביי אונז א „פרוי" (מיין חיה עטיל האט זיך שוין אנגענומען פון זיי און האט שוין אנגעהויבען „שפרעכען אויף דייטש") ביי אונז א „פרוי" זאל אנטהון אזעלכע צווייי באמבעס אין די אויהרען, וואלט מען איהר נאכגעלאפען אין גאס...

די ווערטער זענען געזאגט געווארען צו א לעמבערגער דאמע מיט א פארוק און מיט צוויי גאלדענע אויהרינגען וואס האבען זיך מאדנע געבאמבעלט אהין און אהער.

— און וואסערע אויהרינגלעך טראגט מען ביי אייך אין רוסלאנד? — האט זיך אנגערופען פון דער זייט נאך א דאמע מיט א רויט פנים און מיט נאסע אויגעלעך, וואס איז ביז אהער געזעסען אליין אין א ווינקעלי און האט געשוויגען.

שול אריין; פון איין אריםאן, האט די באבע געזאגט, טאר מען זיך קיין געלד נישט בארגען; א מיאוס מיידל, האט די באבע געזאגט, טאר מען קיין קוש נישט געבען. שוין פאר עטליכע יאהרען, בשעת א ווארשעווער ענערגישער יודישער ליטעראט איז געפאלען אויף דעם שכל צו מאכען יעדעס יאהר אן פורים א יודישען באל פון ליטעראטען, האבען די יודישע ליטעראטען פון ווארשוי אנגעהויבען צו פילדערן און צו מאכען קולות און צו מאכען זייערע בייזע העויות, אז מען איז פראסט געקומען צוזאמען צו לויפען. פארשטעהט מען, אז מען האט דעם באל געמאכט א צוויי דריי מאל און — באסטא. יודישע ליטעראטען האבען נישט געקאנט ליידען, אז מען זאל אויך זיי בעטראכטען ווי מענשען, און קומען צו זיי אין פראק און צילינדער, און רעדען צו זיי האלטענדיג אין האנד א בוקעט און א וועיער, — זיי, וואס נאך מיט עטליכע יאהר צוריק האבען זיי זיך עס געהאלטען פאר א זכיה, ווען מען האט זיי דורך די קוכען־טיר געלאזט אריין אין א הויז און מען האט זיי דערלאנגט דעם רובל פאר'ן ספר וועלכען זיי האבען געבראכט. היינט אבער אז מען איז געווארען אדונים, פריצים מיט בעלער, הערען מיט געקרייזעלטע האר, פארשטעהט מען, אז מען האט באלד געקריגען לשון אויך. מען האט באלד אנגעהויבען טענה'ן: מי שמך? פאר וואס שטעהט דער אין דער אויבענאן און נישט איך? פאר וואס איז יענער און יענער דער גבאי פונ'ם באל און נישט איך? פאר וואס האט מען דעם און דעם און יענעם און יענעם אויסגעקליבען פאר מיטגלידער פונ'ם קאמיטעט, פאר איינקאסירערס פונ'ם געלד, פאר מחלקים וואס מאכען די חלוקה וכדומה און נישט מיך? — פארשטעהט מען, אז די עטליכע ענערגישע ארבייטערס, וואס האבען אמת'דיג געארבייט, האבען געזאגט ביי זיך: מה לי ולצרה הזאת, און האבען זיך גיך אבגעטראגען, און אויס דעם גאנצען האט זיך אויסגעלאזט איין אויסגעבלאזען איי.

איך האב מורא אויב עס זאל זיך נישט אויסלאזען מיט די גאנצע „אגודת סופרים" אויך אזא מין אויסגעבלאזען איי. אונזערע שרייבער ווילען נישט וויסען און עס פאלט זיי גאר נישט איין, אז עס איז פארהאנדען א כלל ביי אלע זאכען אין דער וועלט: אנהויבען כדי אנצוהויבען. די התחלה מוז מען מאכען, און זי מעג זיך זיין ווי עס איז, אבי נאר זי זאל פארהאנען זיין. שפעטער, ווען דאס קינד איז שוין דא אויף דער וועלט אט דא מעגסט דו אנהויבען איבער זיין ערציהונג און איבער זיין ענטוויקלונג צו רעדען. פריהער, אזוי לאנג ווי עס קלעבט זיך נאך נישט, קאן יעדעס אומפארזיכטיגע ריהרעלע אלעס אומשיטען. אזוי איין „אגודת סופרים", פארשטעהט מען, וועט עפיס נישט זיין באלד צו אנפאנג אזוי פויגעלדיג, אז מען זאל זי קענען שטעלען פאר א מוסטער. מיט דער צייט אבער מאכט זיך אלעס. די זאך אליין אין איהר אייגענער ענטוויקלונג וועט שוין מיטברענגען מיט זיך טויזענד עצות און מיטלען און פארמעס, פון וועלכע מיר קענען איצט נאך גאר נישט וויסען. איצט אבער האבען פלפולים אין די צייטונגען איבער די אגודת סופרים — פאר וואס נאר העבראאיסטען און נישט אויך זשארגאניסטען און יודישע שריפטשטעלער אין אנדערע לשונות; פאר וואס געפינען זיך אין דער ליסטע נעמען פון שרייבער וועלכע מיר קענען זיי גאר נישט, און נעמען פון בעוואוסטע שרייבער פעהלען נאך; פאר וואס זאלען אינ'ם קאמיטעט אריין דוקא רעדאקטארען, און נישט דוקא ודוקא אזעלכע וועלכע זענען גאט זיי דאנקען נישט קיין רעדאקטארען, — איצט, זאג איך, זענען אלע די דאזיגע פלפולים, און נאך פיעל אנדערע פלפולים פון דעמזעלבען סארט, יעדענפאלס נישט אין דער רעכטער צייט. גלויבט מיר, איך קען צווישען אונז שרייבער עטליכע צעהנדלינגער, און אפילו אזעלכע וועלכע זענען גרויסע מיוחסים, אזעלכע וועלכע שרייבען טאג און נאכט מאמרים, און פארט זענען זיי קלוג גענוג, נישט צו וועלען קאלע מאכען זיך אפילו איין מינוט פון זייער טייערער צייט און צו האבען דאן עגמת נפש פון אלע

— ביי אונז טראגט מען שוין איין מאל אויהרינגלעך! — רופט זיך אן צו איהר מיין חיה עטיל און פוילט זיך ניט און עפענט אויף דעם גרויסען „קאפער" (איך הויב שוין אויך אן שפרעכען אויף דייטש) און נעמט ארויס פון דארטען דאס קליינע רענצילע מיט'ן ציהרונג, וואס איך האב איהר געקויפט דורך דער גאנצער צייט זינט ביי מיר האט זיך באוויזען געלד.

עס ווייזט אויס אז דאס ציהרונג איז דעם עולם שטארק געפעלען, ווארום אלע ווייבער אויך מאנסבילען אפאר האבען שטארק אריינגעקוקט אין די קעסטעלעך אריין, באטראכט מיין ווייבס שענע אויהרינגלעך מיט די גוטע פינגערלעך מיט די פערעל, און מיט'ן גאנצען איבעריגען שמוק, וואס זיא האט זיך ניט געוואלט מיט דעם צעשיידען אפילו אויף איין טאג.

— וואס טויג דיר דאס ציהרונג אין די ווארמבעדער? — טענה איך מיט איהר נאך אין דערהיים פאר'ן אוועקפאהר. א קשיא אויף א מעשה, טאמער חלילה גנבה'ט מען דאס ביי דיר אוועק?

— און וואו בין איך? בייס זיך אפ די צונג! — ענטפערט זי מיר — דו דארפסט אבער תמיד אויסלייגען צו בייזען!...

— מילא, א דאגה! — טראכט איך מיר — דיין ציהרונג דיין דעה!...

דערווייל האב איך מיך מיט מיינע „דייטשען" אזוי פארדרעהט וועגען פאליטיקע און אנדערע ענינים, אז (כ'בין זיך מודה ומתודה!) איך האב גאר פארגעסען אז ס'איז פארהאן ערגיץ א חיה עטיל אויף דער וועלט... און ערשט ווען האב איך מיר דערמאנט? ערשט העט־העט, אז דער גראבער דייטשער קאנדוקטאר מיט'ן מאדנע היטעל אויפ'ן קאפ און מיט איין אומגעלומפערט גרויסען שליסעל אין די הענט איז דורכגעגאנגען פארביי אונז און האט אויסגערופען דוקא הויך אויף א קול נאר מיט אזא מין שפראך וואס איז שווער צו פארשטעהן, נעקארקעט ווי א ווארנע: — קרא־קא־ו! קרא־קא־או!

און דאס איבעריגע זאל איך אזוי וויסען פון איהם!

— אט דא — זאגט צו מיר מיין חיה עטיל — וועלען מיר עפ'ס נעמען אין מויל אריין.

און זי נעמט מיך אונטער דער האנד אויף דעם אריסטאקראטישען אופן און מיר מאכען ביידע א שפאציר איבערן שענעם גרויסען וואגזאל גאנץ אויפגעלייגט, ווי א יונג פארל נאר וואס נאך דער חתונה.

אינ'ם לעבען פון מאן און ווייב טרעפען זיך זעלטען אזעלכע גליקליכע מינוטען, אזעלכע שענע טעג מיט אזא לויטערען הימעל. מעהרסטענטייל איז אדער חמארנע, אדער עס רעגענט, אדער גרויסע קעלטען, אדער עס בראט די זונן אומברחמנות, בריהט און סמאלעט מיט סכנות נפשות, אדער עס ברעכט אויס פלוצלינג א וואלקענבראך, נאכדעם בעווייזט זיך די זונן אויף א ווילע, טהוט א שמייכעל און ווערד פארשווינדען...

אויב ביי אייך קומט דאס פאר אנדערש, זענט איהר אודאי א מוצלח, געבאהרען ווי מע זאגט אין א הייבעל, ביי מיר מיט מיין

זייטען; היינט אז עס האט זיך יא שוין געטראָפען א יוד א בר שכל קיין עין הרע, וואס ער האט נישט געהאט קיין קלאפּאט האט ער זיך איינגעקויפט די טייערע מציאה צו זיין ביי יודישע שרייבער דער גאנ־צער גאט צו פאר — טאָ שוויינט זשע וויינינסטענס, אפשר וועט גאט געבען און די זאך וועט פאָרט קומען צו עפּיס א שטיקל קיום.

הער ראזענפעלד האט אבער אנדערע אנזיכטען פון דער דאזיגער זאך. שוין עטליכע מאמרים האט אונז הער ראזענפעלד איבער דעמזעלבינגען געגענשטאנד געשריבען. נאך דעם ווי ער האט געמאכט א געוואלט, אז די יודישע רעדאקטארען און איזדאטעלעם „עקספּלא־אטירען" די יודישע שרייבער און צאפּען אויס זייער בלוט און ווערען פון זיי רייך און לאזען זיי, די שרייבער, שטארבען פאר הונגער, און נאך דעם ווי די „הצפירה" האט איהם געענטפערט און האט כלומרשט אביסל חוזק געמאכט פון דעם גרויסען עשירות, וועלכען די יודישע איזדאטעלעם און רעדאקטארען האבען מישטיינסגעזאגט אנגעזאמעלט, אז בלייבען זאל עס נאך שונאים'ס טויט, — דא קומט הער ראזענ־פעלד ווידער מיט א מאמר אין נומער 171 פון „הצפירה" און טענה'ט, אז עס זענען פארהאנדען צוויי מינים פון עקספּלאטאציע. איינע, אז דער פאבריקאנט וויל פון'ם ארבייטערס שוויים רייך ווערען און צאהלט איהם דעם קלענסטען לוין, אבי נאר דער ארבייטער זאל קאנען זיין נשמה דערהאפען, און איינע איין עקספּלאטאציע אז דער פאבריקאנט אליין האט א שלעכטען געשעפט און קאן נעביך נישט מעהר צאהלען ווי ער צאהלט, נאר אבער ווען ער צאהלט נישט אייך דאס ווענינע וועלכעס ער האט צוגעזאגט, אדער ער צאהלט עם איהם נישט אין דער צייט און ענפערט איהם אפילו אויף א בריף נישט, אזוי ווי די יודישע רעדאקטארען זענען זיך נוהג מיט די שרייבער, הייסט דאס דאך איין עקספּלאטאציע. חלעבען, זעהר שען פילאזאפירט. מען דערקענט באלד א גמרא־קעפּל!

„איך האב קיין טענות נישט — שרייבט ער — צו די יודישע רע־דאקטארען, דאס זיי צאהלען נישט פיעל, ווייל זיי ווילען רייך ווערען. איך ווייס, אז אונזער יודישער עקספּלאטאטאר, דאס איז דער לעזער או. ז. וו. איך האב נאר טענות וועגען דאס שלעכטע בענעהמען זיך פון'ם רעדאקטאר צום שרייבער אין אלגעמיין; אז דער שרייבער איז אייבינ — אין אפילו דא וואו מען האט איהם געבעטען — אין די אוי־גען פון'ם רעדאקטאר ווי איין אומגעבעטענער גאסט. ווי איינער וואס געהט איהם אין וועג אריין, און ער ענפערט איהם ווי ווען א שד וואלט איהם דאצו נייטען; אז יעדע פּרוטה, און אפילו דער קליינסטער האנאראר, קומט דעם שרייבער אן מיט אנגסט־שוויים און מיט פיעל הוצאות־מאכען. און נישט נאר אין געלד־זאכען, ניין, אויך אין ליטע־ראטור־זאכען בענעהט זיך אזוי דער רעדאקטאר מיט דעם שרייבער. חדשים אין יאהרען קענען אמאל אוועק געהן, ביז דער שרייבער דערוואוסט זיך וואס פון זיין כתב־יד איז געווארען, אזוי ווי ווען די ארבייט פון'ם שרייבער וואלט קומען פון דער לופט..."

הער ראזענפעלד איז נאך יונג. איך וויל איהם נישט זיין קיין שלעכטער פריינד און איהם ווינשען, אז ווען ער וועט עלטער ווערען זאל ער נאך ווערען א רעדאקטאר פון א יודישער צייטונג און דאביי בלייבען עטליכע יאהר. בעסער זאל ער גאר נישט געפּריבט ווערען מיט דעם וואס אנדערע זענען שוין געפּריבט געווארען. מיר דאכט זיך דאס ער, אלס רעדאקטאר, וואלט זיין דער ערשטער וועלכער וואלט שרייען געוואלט אז מען דארף גאר האבען איין „אגודת סופרים", אום די רעדאקטארען צו בעשיצען פאר זייערע מיטארבייטערם. מילא די טענה וועגען דעם האנאראר בין איך איהם מוחל — ער אליין דאכט זיך איז גאר נישט ווייט פון'ם אמת און ווייסט וואס עס הייסט „בדליכא" און עס איז נאר א שפּילעריי פון איהם, וואס ער טשעפּעט זיך צו און טענה'ט אז לכל־הפּחות דאס וואס מען האט צוגעזאגט מוז מען געבען. האנאראר איז להבדיל ווי א נדן, און אויך ביי א נדן טרעפט זיך דאך א מאל אז מען גיט נישט דאס וואס מען האט צו־געזאגט. אז הער ראזענפעלד וואלט וועלען זיין פאנטאזיע נאך א קליין שטיקעלע ווייטער בעמיהען, וואלט ער קאנען ארויסגעפינען אז,

---

חיה עטלין בין איך זיך מודה קומט פאר זעלטען אזעלכע גליקליכע לויטערע זונענדינע טעג. ווער פון אונז איז דא מעהר חייב — קאן איך אייך נישט זאגען. איך בין בטבע א יוד א צו להכעיס'ניק און מיין ווייב איז א דאמע מיט נערוועןצ צו להכעיס מיט נערוועןן — איז פייער מיט וואסער, סאדע מיט קרעמעטארטערום; קומען זיך צענויף אינאיינעם — קאכט עס...

דערפאר אבער אז עס גיט זיך אויס ביי אונז א שענער טאג און די זונן טוט א שיין, בענוצען מיר זיך, דערמיט ווי ווייט מענליך און שעפּען פארגניגען מיט'ן פולען מויל.

— חיה עטיל קרוין, וואס זאגסט דו אויף דעם לאנד, ווי פריי, ווי גוט דא איז!

— א גן־עדן! — זאגט זי צו מיר, ווי איהר שטיינער איז און טהוט מיר א קוק אין די אויגען אריין אזוי פריינדליך, אז עס ווייזט זיך מיר אוים אז קיין שענערס פון איהר איז נישטא אויף דער וועלט און איך רוף זיך אן צו איהר:

— ווי מיינסט דו, נשמה מיינע, וואלסט וועלען אשטיינער זיך דא באזעצען אויף שטענדיג?

— מיט דיר? אך, פאר וואס ניט?

— מיט דעם וואס איז ליב אפילו אין א שאלאש? — זאג איך צו איהר מיט דעם נוסח וואס אין די ביכלעך שטעהט געשריבען.

דערויף ענטפערט זי מיר נאר מיט א זיס שמייכעלי, איינע פון די שמייכעליך וואס מאכט פרייליך דעם הימעל, די ערד, די גאנצע וועלט, אלע מענשען בעקומען דעמאלט נאר איין אנדער פנים. אפילו דער קאנדוקטאר, וואס געהט פארביי, אפילו דער זשאנדאר מיט'ן גרויסען פעדער, אפילו דער ארעמער דייטש דער קאליקע, וואס שטעהט אפגעריסען און ווארט אויף א נדבה — אלץ אלץ בעקומט איין אנדער פנים מיט איין אנדער געשטאלט, אלעס שמייכעלט, אלעס זינגט, אלעס טאנצט, אלעס גרוסט צו אונז גאר פריינדליך!

— חיה עטיל...

— וואס איז, מיין טייערער?

— לאמיר זיך געבען איינס דאס אנדערע דאס עהרען ווארט, אז פון היינט אן און ווייטער זאלען מיר זיין שטענדיג שלום, שטענדיג גוט, קיין מאל זיך ניט קרינען, קיין מאל זיך ניט...

פלוצלינג רייסט זי אוים ביי מיר איהר האנד, טהוט זיך א ווארף צוריק און שרייט אוים ניט מיט איהר קול:

— דאס קוישעל! דאס קוישעל!

— נאט איז מיט דיר! וואסער קוישעל?

— דאס קוישעל מיט'ן ציהרונג! — שרייט זי אוים און פאלט חלשות.

. . . .

ווי פיעל מענשען עס זענען געוועזן אויפ'ן וואגזאל זענען זיך אלע צענויפגעלאפען, עס איז אויסגעוואקסען אין דער מינוט א דאקטאר מיט

ווען א יודישער רעדאקטאר טוט די דאזיגע עולה, וועלכע ער האלט איהם פאר, טוט ער עס, אסור נישט פון צופיעל גוטס. אל תדון את חברך עד שתגיע למקומו. גאר זעהט איהר וואס סע איז שייך צו די צווייטע טענה, דא זאג איך ערשט רעכט, מען זאל נישט איבער יענעם אורטיילען אזוי לאנג ווי מען איז נישט צו דער דאזיגער לאגע אליין געקומען. ווער עס האט געארבייט עטליכע יאהרען אין א רעדאקציע, ווייס וואס עס הייסט פריוואט-בריוולעך פון זיינע מיטארבייטער לייענען און — אויף זיי ענפערן. הונדערט, צוויי-הונדערט א טאג, און איין אנפראגע און איין טענה נארישער פון די אנדערע. איך רעד נישט פון די צוויי דריי ערענטליכע מיטארבייטער, וועלכע מוזען נעביך מיטליידען דורך די איבריגע. דער רעדאקטאר מוז זיך מאכען א פרינציפע, ביי קיינעם נישט קיין אויסנאהם צו מאכען. אז א רעדאקטאר, ווערט נישט משוגע פון זיי, איז עס גאר מעשה נס, איך רעד שוין נישט פון דעם צייט-פערלירען, אז מען זאל זיך אריין לאזען אין די טעגליכע פריוואט-קארעספאנדענציעס. גאר דאס וואס יעדער ווערט באלד א יחסן און מיינט אז גאר ער איז און גאר ער האט דאס געגעבען דער וועלט איין אנטיקל און גאר איהם קומט דאס א טעלערל פון הימעל, אט דאס איז די צרה. ער וויל זיך נישט איבערלעגען, אז באמת האט ער גאר קיין רעכט נישט אנצופרעגען, למשל, וואס הערט זיך מיט זיין ארטיקעל און ווארטען אויף א תשובה — ממה נפשך, איז דאס ארטיקעל גוט אדער פאסיג פאר די צייטונג, וועט עס ווערען געדרוקט, אלא ניין, ברויכט מען נישט ערשט צו ענפערן; מאכט זיך אבער, אז דאס ארטיקעל איז גוט און רעכט און קאן פארט, מחמת פארשידענע סבות, ערשט געדרוקט ווערען נאך עטליכע וואכען, טא טאר מען נישט זיין אזוי היים געבאדען און מוז מען קאנען ווארטען. דאס פארלאנגען איין ענטפער איז אייגענטליך נאר דאס וואס דער שרייבער וויל דורכאויס זיין אייגענליעבע ווי אים גיכסטען בעפרידיגען. איז עס איין עולה וואס א מענש וועלכער איז זעהר בעשעפטיגט און האט טויזענד וויכטיגערע זאכען צו בעזארגען. קוקט זיך אויף אזא קליינע נעבענזאך גאר נישט אום?

סע איז נישט דא דער ארט „די פראגע" אויספיהרליך צו בעהאנדלען און צו ווייזען וואס רעדאקטארען ליידען פון מיטארבייטער, יעדענפאלס וואלט מען גאר דארפען האבען א מין שוטץ צו בעשיצען די רעדאקטארען פון געוויסע מיטארבייטער!

לעקטאר.

פאליטישע ענינים.

(דער סקאנדאל אין אונגארן. דער נייער פאפסט. די שיטה פון נייעם פאפסט. צווישען רוסלאנד און יאפאן).

אין אונגארן איז קיין נייעס נישט א ניי מיניסטעריום, דארטען בייטען זיך מיניסטארען כמעט יעדען סעזאן. זעלטען אז א מיניסטעריום זאל אויסהאלטען איינינע יאהר און ווי די רעגירונג זאל נישט וועלען צוליב טון דעם פאלק געפינען זיך שטענדיג פארטייען, וואס ווילען זיך אינגאנצען אבשיידען פון עסטרייך און זענען מיט די פיהרונג פון מיניסטעריום נישט צו פריעדען, און סוף כל סוף מוז דאס מיניסטעריום פאלען: אויך דאס היינטיגע מיניסטעריום פון גראף קוהן העדערוואריי, וואס מען האט גערעכענט, אז ער וועט שוין אויסגלייכען אלע סכסוכים און וועט ברענגען אין לאנד פריעדען, האט געמוזט פאלען פאר דער צייט.

אויף גראף קוהן העדערוואריי ווארפען ארויף זיינע געגנערס א שווערע שולד. א געוויסער אבגעארדענטער זולטאן פאפ זאגט עדות אין רייכסטאג, אז מען האט איהם געוואלט משחד זיין, פראסט אבקויפען איהם מיט געלד פאר דער אונגארישער רעגירונג. א טאג פאר דעם — דערציילט פאפ — איז צו איהם געקומען א געוויסער דיענעס און האט איהם געגעבען צעהן טויזענד קראנען, ער זאל פאהרען אהיים און נישט זיין אין פארלאמענט. געלד — האט איהם דיענעס געזאגט — האט ער בעקומען צוועלף טויזענד קראנען נאר ער וויל אן דעם עסק פארדינען צוויי טויזענד קראנען מעקלעריי און האט פאפ'ן נאר צעהן טויזענד קראנען געגעבען.

און נאך איידער דער עולם האט זיך בערוהיגט וועגען דעם סקאנדאל האט מען דערצעהלט פון נאך אזא סארט סקאנדאל. מען האט געוואלט אונטערקויפען א רעדאקטאר פון א צייטונג, וואס איז געגען דער רעגירונג. מען איז זיך משער, אז מען האט נאך אנדערע אבגעארדענטע געוואלט אבקויפען, נאר זיי מאכען א שווייג.

און דער טומעל און לארם, דער געפילדער און געשרייען אין פארלאמענט איז געווארען פון מינוט צו מינוט שרעקליכער ביז דער פרעזידענט פון פארלאמענט גראף אלבערט אפאני האט בערוהיגט דעם עולם און מען האט געזעצט אבעזונדערע קאמיסיע, וואס זאל די זאך חוקר ודורש זיין. 15 שעה כסדר זענען די אבגעארדענטע געזעסען א״נ אונטערהאנדעלט די דאזיגע פראגע און עס איז געבליבען מען זאל דערווייל גאר נישט רעדען וועגען דעם מאוסען סקאנדאל און ווארטען, וואס די קאמיסיע וועט וועגען דעם דערגעהן.

און די קאמיסיע איז דערגאנגען, אז דער וואס האט געגעבען די צוועלף טויזענד קראנען איז דער גראף לאדיסלויס סאפארי

איין אפטייק און מע האט מיין חיה עטלין אפגעמינטערט. און אז מע האט זי אפגעמונטערט האט זי זיך ערשט דעמאלט רעכט צעוויינט.

— וועה איז מיר, וויגד איז מיר! מיין ציהרונג! מיין ציהרונג!! —

עס האט נישט געהאלפען מעהר קיין גוטערער, קיין טרייסטען, קיין צוואנגען איהר קויפען אנדערע ציהרונג—זי וויל ניט הערען. זי ברעכט די הענט, זי וויינט, זי חלשט, זי עקט זיך.

— אוי וועה מיין ציהרונג! נישטא קיין ציהרונג! פארפאלען דאס ציהרונג! . . . .

דאס ציהרונג איז פארפאלען און די מאסיווע דאמע מיט דער טאכטער די כלה האבען זיך נעשונען.

— וואס איז אייך געשעהן, וועה איז מיר? — פרעגט אינו די מאסיווע דאמע, און אז זי ווערד געוואהר פון אונזער שאדען ברעכט זי די הענט און פרעגט. ווי אזוי פיהרט מען דאס אט אזוי ציהרונג אויבען אויף? און אלע וואס דערהערען פונ'ם שאדען ברעכען די הענד און פרעגען ווי קומט דאס מע זאל פיהרען ציהרונג אזוי אויבען אויף?

— ס'איז אלץ ער, ער מיט זיין צונג! — זאגט חיה עטיל און איהר ווייסט דאך שוין וועמען זי מיינט!...

וועלכער איז בעקאנט אלס איינער פון קוהן העדערווארייס בעסטע גוטע פריינד. נאר גראף סאפארי זאגט, אז ער האט דאס געטאן על דעת עצמו, אז גראף קוהן העדערווארי ווייסט נישט פון וואס צו זאגען נאר די געגנערס פון דער רעגירונג ווילען עס בשום אופן נישט גלויבען און בעשולדיגען נאר דעם גראף קוהן העדערווארי אין דעם, און דעריבער העט דער בעשולדיגטער מיניסטער־פרעזידענט געמוזט זיך אבזאגען פון זיין שטעלע איידער פונאנדער צו שיקען די אבגעארדענטע און הייסען קלויבען נייע. און אונגארן ערווארטעט ווידער גרויסע אונרוהען.

אונרוהען האט מען אויך ערווארטעט אין רוים ביים אויסקלויבען א נייעם פאפסט, אלע אייראפייאישע רעגירונגען, וועמען די פאפסט פראגע אונטערעסירט נאר, האבען זיך בעמיהט, אז זייערע קאנדידאטען זאלען געוועהלט ווערען, איבערהויפט האט מען זיך גערעכענט אויף איינעם פון די צוויי קארדינאלען ראמפאלא און וואנאטועלי וועלכע זענען ביידע בעוואוסט אלס גרויסע און וויכטיגע פאליטיקער, נאר דער קאנקלאוו האט געמאכט א סיורפריז די גאנצע אייראפייאישע וועלט און האט גאר אויסגעקליבען דעם קארדינאל יאזעף סארטא, אויף וועלכען קיינער האט כמעט נישט גערעכענט.

וואס פאר אשיטה וועט דער נייער פאפסט, יאזעף סארטא אדער ווי ער רופט זיך שוין פיאוס דער צעהנטע. אין דער פאליטיק האלטען?

אויף די שאלה, ענטפערען די פאליטיקער פארשידען, און בכלל איז שווער צו בעשטימען וועגען דעם, ווייל פאפסט פיאוס דער צעהנטער האט זיך זייענדיג א קארדינאל נישט געמישט אין פאליטיק־זאכען, ער האט איבערהויפט נישט ליב די פאליטישע אינטריגעס, בטבע איז ער א רוהיגער מענש, און גיט זיך מעהר אב מיט עניני שמים ווי מיט וועלטליכע, פאליטישע זאכען, נאר אויב ער וועט אזוי גלייכגילטיג בלייבען צו דער פאליטיק זייענדיג א פאפסט ווי זייענדיג א קארדינאל, וועט קיין נייעס אין וואטיקאן נישט פארקומען. ראמפאלא וואס איז געוועזען דער גאנצער פאליטיק־פיהרער אין די לעצטע יאהרען פון פאפסט לעא דער דרייצענטער וועט מסתמא ווייטער פיהרען די פאליטיק און פראנקרייך און רוסלאנד, וועלכע זענען זעהר צופריעדען געוועזען מיט דעם אלטען פאפסט, וועלען אויך ווי מען קאן פארויס זעהען צופריעדען זיין מיט דעם נייעם פאפסט פיאוס דעם צעהנטען.

רוסלאנד איז אויך צופריעדען מיט דער רייזע פון איהר קריגס־מיניסטער גענעראל קוראפאטקען, וואס ער האט געמאכט אין ווייטען מזרח. מיט זיין רייזע האט דער גענעראל קוראפאטקען צושטערט אלע פלענער, וואס די ענגלישע רעגירונג האט געפלאנירט ווי צו מאכען א שנאה צווישען רוסלאנד און יאפאן. די פריינדשאפט צווישען די ביידע מלוכות, וואס האט געהאלטען אט אט ביים פונאנדער געהען איז ווידער אויפגעפרישט געווארען און רוסלאנד קאן ווייטער אימגעשטערט ארבייטען אין מאנדזשוריע פאר איהר האנדעל און דארף נישט מורא האבען אז יאפאן וועט דערמיט נישט זיין צופריעדען.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— די רעגענס און שטורם־ווינטען, וואס זענען די לעצטע צייטען אין פארשידענע ערטער אין רוסלאנד געוועזען, האבען געבראכט גרויסע אומגליקען אין לאנד עס האט אויך נעקאסט מענשענס לעבען און מיליאנען היזקות אין געלד. אין טשיפא ביי פארט ארטור האט דער רעגען גאנצע הייזער פארטרונקען, בריקען אויסגעריסען, 700 מענשען זענען דערטרונקען געווארען און 2000 זענען געבליבען אהן דירות און לעבענס־מיטעל. אין א קליין שטעדטל ביעשענקאוויטש (וויטעב. גוב.) האט דער האגעל אויסגעהאקט 8,600 שויבען און אויף די פעלדער געמאכט היזק אויף 90,000 רובל. אין ראדומער גוב. האבען די רעגענס געמאכט היזקות אויף די פעלדער פאר 800,000 רובל. אין קיעווער גוב' האט א שטורם ווינט, וועלכער האט נאר געדויערט 5 מינוטען חרוב געמאכט גאנצע 3 דערפער, בוימער אויסגעריסען, הייזער צעבראכען, אסך מענשען האט דער ווינט ארויפגעהויבען גאנץ הויך און האט זיי מיט אזא קראפט צוריק ארונטער געווארפען, אז זיי זענען אויף דער שטעלע געשטארבען.

— אין אדעסא האבען די בעדיענטע אויף די טראמוויען אויפגעהערט צו ארבייטען אויך אנדערע ארבייטער פון פארשידענע פאבריקען און אנשטאלטען האבען איינגעשטעלט די ארבייט; דער אדעסער גראדאנאטשאלניק גענעראל א־סעניעוו האט צונויפגערופען א קאמיסיע האט אויסגעהערט די טענות פון די ארבייטער, און האט צוגעזאגט, אז ער וועט די בקשות, וועלכע זיי זענען גערעכט נאכצוגעבען, דערביי האט ער פארגעלעגט די ארבייטערס זיי זאלען באלד אנהויבען ווידער א־בייטען, אויך האט דער גראדאנאטשאלניק ארויסגעגעבען א צירקולאר אין וועלכען ער בעט מען זאל פאלגען די פאליציי ווען זי הייסט דעם עולם ניט שטעהן אויף דער גאס בעת אונארדענונג, אויב נישט וועט ער געצוואונגען זיין זיך צו בענוצען מיט געוועהר, לויט געזעץ.

— אין טיפליס (קאווקאז) זענען פארגעקומען אונרוהען צווישען די ארבייטער און די פאליציי האט געמוזט מעהרערע ארבייטער ארעסטירען אויף דריי חדשים און אנדערע אויף איין חודש.

— דער סטרייק אין באקו האט געבראכט שאדען די נאפט סוחרים אויף 12 מיליאנען רובל.

— די האלענדישע רעגירונג האט בעשלאסען, אז איהר געזאנדטער זאל זיך נישט מעלדען ביי דער נייער רעגירונג אין סערביע.

— דער אמעריקאנישער מיליאנער מארגאן האט געשאנקען צו דער נייער קונסט־גאלעריע, וואס מען בויעט אין וואשינגטאן (אמעריקא) זיינע קונסט־בילדער, וואס בעטרעפען 24 מיליאנען מארק.

— אין ניו־יארק האט מען אנגעהויבען איינצוווארפען 400 הייזער אין די 31 און 32 גאס און אויף דעם פלאץ וועט מען בויען איין ריזען גרויסען וואקזאל. אין די איינגעווארפענע הייזער, וועלכע בעטרעפען 5 מיליאנען דאלאר האבען געוואהנט 11,200 מענשען.

— די קינדער פון סערבישען קעניג זענען אבגעפאהרען פון פעטערסבורג איבער וויען נאך בעלגראד. די סערבישע אפיציערען, וועלכע זענען געפאהרען בעגעגענען די סערבישע פרינצען, האט די רוסישע רעגירונג נישט אריינגעלאזט אין רוסלאנד, ווייל זיי האבען איין אנטייל גענומען אין די רציחה פון קעניג אלכסנדר.

— די דריי סערבישע גווארדיע־אפיציערען, וואס זענען געקומען אין וויען אבווארטען די סערבישע פרינצען, וועלכע זענען געפאהרען פון פעטערסבורג קיין בעלגראד האבען געהאט גרויס חרפות פון דעם וויענער פובליקום, וואס האט זיי דערקענט און זיי שטארק געזידעלט.

דער נייער פאפסט.

דער נייער פאבסט יוסף סארטא איז געבארען דעם 2 יוני אין יאהר 1835 אין דער שטאדט ריזע אין איטאליע. אין יאהר 1884 איז ער געווארען בישאף אין מאנטואי און אין יאהר 1893 איז ער געווארען קארדינאל און פאטריארך פון ווענעציע, וואו מען האט איהם פאר זיין תמימות און גוטסקייט שטארק ליב.

דער נייער פאבסט שטאמט אב פון א פויערישע פאמיליע און זיין מוטער און שוועסטער קליידען זיך נאך היינט אין פראסטע פוי־רישע קליידער.

זייענדיג א קארדינאל האט זיך סארטא נישט געמישט אין פאלי־טיק, מיט די איטאליענישע רעגירונג, וועלכע איז תמיד פארפיינדעט מיט דעם וואטיקאן, האט ער געלעבט בשלום, ווען דער איטאליענישער קעניג הומבערט האט זיך אין ווענעציע בעגעגענט מיט דעם דייטשען קייזער ווילהעלם האט דער קארדינאל סארטא, דער היינטיגער פאבסט פיאוס דער צעהנטער, געמאכט א וויזיט דעם קעניג הומבערט, חאטש אין וואטיקאן איז מען דערמיט נישט צופריעדען געוועזען.

— זונטאג דעם 9 אויגוסט האט מען געקריינט דעם נייעם פאפסט אין דער קאטעדראלע פון דעם הייליגען פעטער.

II. יודישע נייעם.

רוסלאנד. די „סליעדסטוויא" וועגען די פאגראמען אין קישינוב האבען זיך שוין געענדיגט און זיינען אויסגעשיקט געווארען צוזאמען מיט דעם בעשולדיגונגס אקט אין אדעסער סודעבנא פאלאטא׳ דער משפט וועט בעהאנדעלט ווערען אין טיראספאלער סודעבנא פאלאטא.

— תשעה באב האט מען אין קישינעוו מקבר געוועזען די ספרי תורות, וואס זיינען צעריסען געווארען בשעת דעם פאגראם, דערביי נעבען די קברים פון די הרוגים. דער קבר, וואו מען האט די ספרי תורות בעהאלטען איז אויסגעפלאסטערט מיט מארמאר שטיינער, אלע 30 ספרי תורות ליגען אין א לעהמענע כלי מיט א דעק, אויף דער כלי איז אין קורצען בעשריעבען די געשיכטע פון פאגראם און פאר וואס מען האט די ספרי תורות מקבר געוועזען אויף דעם בית הקברות. איינינע רבנים האבען געהאלטען ביי דער קבורה זעהר ריהרענדע דרשות.

— די לעצטע צייט עמיגרירען פון קישינוב זעהר פיעל יודען, די שטאדט פארוואלטונג גיט די עמיגראנטען רייזע־פעסער אומזיסט.

III. ציוניסטישע נייעם.

— אין מאנשעסטער (ענגלאנד) איז נישט לאנג געוועזען א גרויסע ציוניסטישע אסיפה, אויף דער אסיפה האבען געהאלטען רעדעס ד״ר גאסטער און ד״ר לאנדא, וואס האבען אויף די צוהערער א שטארקען איינדרוק געמאכט.

— די „אלג. יוד. צייט." שרייבט, אז ד״ר הערצל וועט אויפ׳ן קאנ־גרעס פארטראגען וועגען קויפ׳ן א שטיק לאנד, נישט ווער על אריש נאר איין אנדערס, ד״ר הערצל האט געבעטען ביי דער יק״א זי זאל דערצו געבען 75 מיליאן פראנק. די יק״א אבער האט איהם ענטזאגט.

ד״ר הערצל אין ווארשא.

דאנערשטאג י״ד אב איז ד״ר הערצל דורכגעפאהרען דורך ווארשא פאהרענדיג קיין פעטערסבורג.

ד״ר הערצל איז געקומען מיט דעם קוריער־צוג פון וויען פינף מיט פינפציג מינוטען אין דער פריה, און איז געפאהרען קיין פעטערס־בורג זייגער אכט מיט צוואנציג מינוטען.

ער האט זיך אויפגעהאלטען אין ווארשא נאר פון איין צוג ביז דעם צווייטען, מעהר אלס צוויי שעה.

כדי נישט צו מאכען קיין גרויסען אויפזעהן, האבען די נאהנט־סטע בעקאנטע פון ד״ר הערצל, געהאלטען פאר ריכטיג עס צו האל־טען בסוד.

נאר איינינע מענשען צווישען זיי, דער רעדאקטאר פון „הצפירה" נ. סאקאלאוו און י. יאסינאווסקי וואס האבען געוואוסט דערפון, זענען ארויס איהם אבווארטען און האבען מיט איהם פארבראכט די גאנצע צייט וואס ער איז געוועזען אין ווארשא, און האבען איהם בעגלייט ביז׳ן פעטערסבורגער וואגזאל.

בעגלייט האט איהם אויף דער רייזע דער בעוואוסטער ציוניסט ד״ר קאצענעלסאהן אוים ליבוי.

פרייטאג אכט דעם זייגער אין דער פריה איז ד״ר הערצל אנ־געקומען אין פעטערסבורג.

צוליב דער דאזיגער רייזע האט ד״ר הערצל געמוזט אונטער־ברעכען זיינע אברוה טעג וואס ער רוהט זיך געוועהנליך אב פאר דעם קאנגרעס אין זיין זומער וואהנונג אין אלט אוססיי.

ד״ר הערצל זעהט זעהר גוט אוים אויפ׳ן פנים און פיהלט זיך בעסער אין געזונד ווי פאריגעס יאהר.

ד״ר הערצל, וועלכער איז געוואהנט צו רייזען, איז דאס ערש־טע מאל אין רוסלאנד, א סך זאכען האט איהם אהין געצויגען, און איבערהויפט דער אידעאל אויף וועלכען ער האט מקריב געוועזען זיין גאנץ לעבען. נאר מחמת די צייט איז זעהר קורץ געוועזען האט ער נישט געקאנט זיך לענגער אויפהאלטען.

ד״ר הערצל האט זעהר בעדויערט וואס די צייט ערלויבט איהם ניט בלייבען אין ווארשא א פאר טאג און האט פארזיכערט זיינע בע־גלייטער, ווען עס וועט נאר מעגליך זיין וועט ער צוריקוועגס פון פע־טערסבורג קיין וויען זיך אבשטעלען אין ווארשא אויף צוויי טעג.

דער רבנים־קאנגרעס אין קראקא.

דער קאנגרעס איז זעהר וויכטיג און אינטערעסאנט. ווען די די רבנים זאלען געוועזען פריהער האבען דאס לעצטע פראגראם וואלטען הונדערטער רבנים געקומען. עס האט קיין שום רב נישט געוואוסט נאך וואס מען פאהרט. די רבנים פיהלען ערשט איצט, אז דער קאנגרעס איז טאקי נייטיג געוועזען.

און די יודען פון קראקא און פון גאנץ גאליציע פיהלען. אז עפים גאנץ נייעס, עפים גאר א משונה זאך טוט זיך דא אב. אין די גאסען איז א גערודער, א געלויף, יונג און אלט זענען אויף, וואו מען געהט און וואו מען קומט הערט מען נישט מעהר שמועסען נאר פון די רבנים. דאס האטעל, וואו דאס רוב רבנים שטעהען איין און אויך דאס בית־המדרש „בני אמונה", וואו די זיצונגען זענען, זענען א גאנצען טאג פון טויזענטער נייגיעריגע מענשען בעלעגערט, און ווען פאליציי־קאמיסערם מיט עטליכע וואכלייט און מיט געדונגענע טרעגערם זאלען ניט דעם גאנצען טאג בעוואכען די צוויי הייזער, וואלטען זיך צעהנטויזענטער מענשען אריינגעשטופט און א סך פון זיי וואלטען דערשטיקט געווארען. פון גאנץ גאליציע קומען איינגעט צו פאהרען טשיקאווע מענשען, חאטשבי א קוק צו געבען ווי אזוי עס זעהט אוים. זעהר א סך דייטשע, פוילישע און יודישע צייטונגען האבען אריין געשיקט רעפארטערם פון אלץ צו בעריכטען. פאטא־גראפען ארבייטען די גאנצע וואך גאנצע טעג אבצונעמען פאר־שידענע בילדער פון די זיצונגען. יעדען טאג קומען צו נייע וויכטיגע רבנים, וואס האבען זיך פארשפעטיגט.

שטארק התעוררות האבען מיר געהאט זונטאג 16 טאג אין אב ביי דער שבועה, וואס אלע רבנים האבען צוזאמען געשווארען אין דער אלטער שוהל ביי דעם אפענעם ארון קדש, אז דאס בלוט-בלבול איז שקר וכזב, אך איז דאס געווען א שעה! ווער עס האט דאס ניט געזעהן קאן זיך גאר קיין פארשטעלונג נישט מאכען דערפון, יום כפור צו כל נדרי איז גאר קיין פארגלייך ניט. אלץ האט געוויינט ווען די רבנים אין טליתים איינגעהילט האבען פאמעליך ווארט ביי ווארט געזאגט די לאנגע שבועה. ליכט האבען געברענט, טרערען האבען זיך געגאסען נאך מעהר ווי דער שוויים פון די שטערענס אינ'ם גרויסען ענגעניש.

תיכף זונטאג איז געווען די ערשטע זיצונג. צום פארזיצענדען איז געוועהלט געווארען דער קראקאווער רב, זיין שטעלפארטרעטער דער רב פון קאירא.

דער סעקרעטער, דער רב פון קובין (אונגארן), שטעלט איין אנטראג מען זאל שיקען דעם קייזער פון עסטרייך א בעגריסונגס-טעלעגראם. אנגענומען.

דאס רוב רבנים האלטען לשון-קדש'ע רעדעס.

דער קראקאווער רב שטעלט איין אנטראג, מען זאל מאכען א קאמיסיע וואס זאל צענזורירען אלע אנטרעגע, און זאל פארלעגען פאר די זיצונג נאר וויכטיגע אנטרעגע. די רבנים ווילען אבער דאס נישט.

מאנטאג פאר מיטאג שטעלט דער רב ר' וואלף מרגליות פון גראדנא א נייטיגען אנטראג, דער קאנגרעס זאל בעשליעסען אז די יודען, וואס זענען זיך מתחבר צו חברות געגען די רעגירונג, האלט מען זיי שוין נישט פאר יודען, ווייל אונזער תורה, הייסט געטריי זיין דער רעגירונג און אזוינע יודען זענען א סכנה פאר'ן פאלק.

אנדערע רבנים זאגען, אז מען זאל זיי נאך ניט מאכען אויס יודען נאר מען זאל זיי פריהער מתרה זיין. טייל רבנים זאגען, אז מען זאל קענען זיי פראטעסטירען. די זאך איז איבערגעגעבען געווארען א קאמיסיע.

דער פאלטאווער רב ראבינאוויץ האלט עטליכע רעדעס אויף לשון קדש, רופט זיך אב דער פרילוקער רב, מען זאל ניט רעדען לשון קדש, ווייל ניט יעדער קאן. אלע הייבען אן צו רעדען פראסט יודיש און די צוויי ספרדישע רבנים פון מצרים בלייבען זיצען ווי נאראנים, זיי פארשטעהען ניט וואס מען רעדט. נאכמיטאג זענען זיי נישט מעהר געקומען זיי זענען אהיים געפאהרען. דער פרילוקער רב האט א פנים מורא געהאט מען זאל ח"ו ניט מיינען, אז די רבנים זענען מסכים אז העברייאיש איז אונזער נאציאנאלע שפראך, און קיין שום רב האט אפילו זיינע רייד נישט געהאלטען פאר קיין עולה און אפשר מיינט איהר, אז עס זענען טאקי דא, א קשיא אויף א מעשה? עפים דייטשע רבנים וואס פארשטעהען ניט קיין לשון קדש, חלילה וחס! איהר בעליידיגט דערמיט די רבנים. דעם אנדערן טאג האט איין אונגארישער רב זיך ארויסגעחאפט, מען זאל די אנטרעגע אויפשרייבען אויף יודיש, ווייל ניט אלע פארשטעהען דאך גוט העברייאיש, נו, נו, ער האט זיך איינגעקויפט מפטיר. מען האט זיך אויף איהם ארויפגעחאפט און איהם ממש געוואלט דורס זיין: סטייטש ווי וואגט איהר צו זאגען, אז די רבנים פארשטעהען ניט לשון קדש? מען האט איהם ניט געלאזט ווייטער רעדען, ער האט זיך גענביך פארענטפערט, אז ער זאגט נאר נאך דעם פרילוקער רב'ס ווערטער, ער אליין האט דאך די רבנים ניט פארהערט. עס האט ניט געהאלפען, ער האט געמוזט מבטל זיין זיינע ווערטער און איבערבעטען די רבנים.

איצט קומט איין אנטראג וועגען דעם לעהרנען מיט קינדער. די רבנים זאלען מוזען השגחה האבען אויף די מלמדים און אויף די קינדער, דער גראדנער רב זאגט, אז אין א חדר זאלען נישט זיין פארשידענע כתות, נאר יעדער מלמד זאל לעהרנען דאס וואס ער קאן. דער פרילוקער רב וויל אסר'ן אלע נייע מעטאדעס פאר יודיש לעהרנען. דער אילזאר רב וויל אז די מלמדים זאלען ניט איינשטעהן ביי די טאטעס אין די הענט, נאר ביי די רבנים די טאטעס זאלען צאהלען מלמד-געלד אין א קאסא אריין און די קאסא וועט צאהלען די מלמדים.

דער נאווידווארער רבי זאגט, מען קאן נישט ארויפלעגען אלדינג אויפ'ן רב. מען מוז ליבער גרינדען א תלמוד תורה כללי וואו אלע קינדער ארים און רייך זאלען לערנען צוזאמען. דער למוד זאל איינגעטיילט ווערען אין קלאסען און מען זאל דארט לערנען אויך אנדערע ענינים, ניט בלויס תורה. א קאמיסיע מיט'ן רב צוזאמען זאלען השגחה געבען אויפ'ן למוד און פיהרען דעם חנוך אזוי אז די קינדער זאלען טאקי קאנען וואס זיי לערנען. די רבנים זאלען יעדען חדש האלטען רעדעס פאר די תלמידים, כדי ביי זיי ליב צו מאכען דאס לערנען, דאס יודישקייט און אלע גוטע מדות.

דער פאלטאוואער רב שרייט געוואלד און בעט רחמים מיט א וויינענדיג קול: דאס איז דאס א "חדר מתוקן"; ער רופט עס נאר מיט נייעם נאמען, דאס איינטיילען די תלמוד תורה אין קלאסען, און דאס דרש'ענען פאר די תלמידים, דאס איז אלץ ניט יודיש. אויף קינצליכעם וועג צו מאכען די קינדער פאר יודען טויג ניט.

דער בלאזענדארפער רב זאגט, אז אין קליינע קהלות וואו עס זענען נישטא קיין מלמדים זאלען די רבנים זיך נישט שעמען און מוחל זיין אליין לערנען מיט די דרדק-קינדער. מען זאל בעשליסען אז א מלאכה צו לערנען איז גאר קיין בזיון נים.

דער אונגארישער בראדער רב דאקטאר יונג (ער האט געגרינדעט א יודיש גימנאזיום אין זיין שטאדט, וואו מען לערנט אלע למודים פון אנדערע גימנאזיעס און מען בעקומט די גילטיג צייגנים, מען לערנט אבער אויך חומש, גמרא, רש"י, פוסקים, ווי אין א ישיבה) זאגט: ס'איז נישט גענוג צו זארגען פאר די קינדער פון די חדרים, מען מוז אויך זארגען פאר די קינדער פון די גימנאזיעס, וואס געהען אונז פארלארען, ווייל מען קוקט זיך אויף זיי נישט אום. מען זאל נישט זאגען אז זיי זענען שוין פארלארענע נשמות און עס איז שוין נישט אונזער באבעס דאגה: זיי וועלען דאך זיין אונזערע ראשי קהל און וועלען פיהרען אונזערע רעליגיאנס-זאכען. מען מוז טראכטען אז מען זאל זיי מציל זיין פון חלול שבת. און דאס איז גאנץ גוט מעגליך די רבנים זאלען נאר וועלען, מען מוז נאר פארלאנגען פון די לעהרער, זיי טארען ניט נייטען יודישע קינדער צו חלול שבת. מען מוז גרינדען רעליגיאנס-שולען פאר סטודענטען און זעהן אז זיי זאלען געהן דאווענען.

צו די אלע אנטערגע זענען טייל רבנים מסכים און טייל זאגען מען טאר נישט איינפיהרען קיין נייעס, נייעס איז פסול. ישיבות מוז מען גרינדען.

ביים אבשטימען איז אנגענומען געווארען דער אנטראג, אז די רבנים מוזען השגחה געבען אויף די חדרים און פארהערען די קינדער און תמיד וויסען וואס זיי לערנען.

דעם נאווידווארער רבי'נ'ס אנטראג וועגען תלמוד תורה כללי איז ניט אנגענומען, זיין צווייטער אנטראג אז די רבנים מוזען איינמאל אין חדש פאר די תלמודים מוסר זאגען, איז אנגענומען. דער פאלטא־וואער רב קלאגט און וויינט דעריבער.

דעם בלאזענדארפער רב'ס הצעה וועגען דעם אז לערנען מיט קליינע קינדער איז ניט קיין בושה איז בטל געווארען.

וועגען ד"ר יונג'ס אנטראג זאגט דער פאלטאוואער צדיק: מיר דארפען ניט זארגען פאר סטודענטען. דער פרעמיסלער רב טוט אויף א חסידי'שען שפיץ: אז מען וועט פועל'ן, אז סטודענטען זאלען ניט דארפען שרייבען שבת, וועט דאך יעדער שיקען די קינדער אין גימ־נאזיום, פאר רשעים דארף מען ניט זארגען.

דיענסטאג אין דער פריה איז פארט ד"ר יונג'ס אנטראג אנגע־נומען געווארען, דער פאלטאווער האלט דאס ניט אויס.

איבער דעם גראדנער רב'ס הצעה וועגען טריי זיין דער רעגירונג האט די קאמיסיע בעשלאסען א רעזאלוציע, אז מיר מוזען טריי דיענען די רעגירונג און אזוי געוויהנען אויך אונזערע קינדער און ווער עס טוט אנדערש איז עובר אויף די תורה.

נייע רבנים פון גאליציע זענען אנגעקומען און צווישען זיי דער טארנא'ער רב ר' אבלי שנור און דער קאנגרעס בעקומט א ניי לעבען.

דער מאראש לודאשער רב קלאגט, אז אין די אונגארישע ישיבות געהען די בחורים ארום בעטלען אין די דערפער, דאס איז א חרפה און בושה פאר אלע יודען, מען מעג דאס מבטל זיין. מען ענפערט איהם, אז אזוי לאנג מיר האבען ניט קיין קאסע צו דעם, קע־נען מיר דערפון ניט רעדען, זיין אנטראג ווערד ניט אנגענומען, ער ווערד ברוגז און געהט אוועק און קומט שוין ניט מעהר צו דער זיצונג.

דער טארנא'ער רב וויל אז וואס מען האט נעכטען בעשלאסען זאל מען נאך אמאל פארברענגען, ווייל עס זענען צוגעקומען נייע רבנים, עס ווערד א געוואלד, א גערודער, מען הערט ניט וואס מען רעדט. דער רעש דויערט לאנג. דערנאך פארלאנגט ווידער דער טאר־נא'ער רב די זיצונגען זאלען זיין בסוד, מען זאל נישט אריין לאזען פרעמדע מענשען. דער פאלטאווער רב זאגט, מיר האבען נישט קיין שום סודות, וואס מען דארף נישט טון טאר מען אפילו בסוד אויך ניט.

דער נאווידווארער רבי קומט מיט א נייעם זעהר וויכטיגען אנ־טראג: די מיידליך זאלען לערנען יודיש אזוי גוט ווי די יונגלעך, זיי וועלען זיין מוטערס פאר יודישע קינדער און מוזען קענען יודיש און נישט נאר אנדערע זאכען.

דער פאלטאווער רב, אז ער האלט דאס אויס איז ער אויס אייזען, ער לאזט איהם ניט ווייטער רעדען.

מיט שווערער מיה קאן דער נאווידווארער רבי ווייטער רעדען. ער זאגט, מען מוז היטען די מיידלעך, זיי זאלען ניט לייענען ביכער, וואס זענען ניט מאראליש, דאס הארץ טוט איהם וועה אונזער חרפה צו זאגען אפען.

דער פאלטאווער זאגט: אודאי מוז מען שעדליכע ביכער נישט לאזען לייענען, אבער צייטונג איז אויך שעדליך.

דער פרילוקער רב צירלזאהן זאגט: מען זאל גרינדען תלמוד־תורות פאר מיידלעך אזוי ווי פאר יונגלעך.

די הצעות וועגען מיידלעך זענען אנגענומען געווארען.

דער באהאריטשאנער רב הארוויץ זאגט: מען דארף מחבר זיין אייגענס נייע גוטע ספרים צו לעהרנען די מיידלעך יודישקייט. דער פאלטאווער שפרינגט שיער ניט אויף. ער שרייט, מען קאן זיך ניט פארלאזען אויף א מחבר, אפילו ווען ער בעקומט א הסכמה פון א גרויסען פרומען רב.

דער נאווידווארער רב זאגט אז א גוט ספר פאר מיידלעך איז שוין דא. מען דארף עס נישט איצט ערשט געהן שרייבען. דאס איז דעם דאקטאר הירש'ס ספר „חורב".

דער אנטראג איז געפאלען.

דיענסטאג נאך מיטאג האט דער טארנא'ער רב אויסגעפיהרט מען האט קיינעם ניט אריינגעלאזט נאר די צייטונגסשרייבער.

די זיצונג האט ניט לאנג געדויערט. מען האט בעשלאסען, אז די רבנים פון יעדער מדינה בעזונדער זאלען האבען ביי נאכט עקסטרא זיצונגען און בעראטען וועגען זייערע ענינים און ברענגען צו די אלגעמיינע זיצונג פארטיגע אנטרעגע.

אינם פראגראם איז געוועזן א פונקט צו מאכען תקנות קעגען דעם לוקסוס וואס האט זיך אזוי שרעקליך פארברייטערט און ריכטעט יודיש ממון און דמים צו גרונד. נאך איין פונקט איז געוועזן צו פאר־ביעטען די רבנים צו קויפען א רבנות פאר געלד. דאס האט מיטוואך פארמיטאג געזאלט בעהאנדעלט ווערען. דער פארזיצענדער איז אבער געוועזן מיד און הייזעריק אויך דער סעקרעטער איז הייזעריק געוועזן. די זיצונג איז נישט געוועזן גאנץ אין ארדנונג. מען האט דורך דעם אבגעשאפט די דאזיגע פונקטען. מען האט נאר בעהאנדעלט דעם לעצטען פונקט וועגען גרינדען איין אגודת רבנים פון די גאנצע וועלט. די מיינסטען רבנים זענען געוועזן דאגעגען ווייל די פארהעלט־ניסע זענען ניט איבעראל גלייך. מען האט בעשלאסען צו גרינדען אגודות רבנים אין יעדען לאנד בעזונדער אדער פון עטליכע לענדער צוזאמען.

ביים אנפאנג פון דעם קאנגרעס האט מען געשיקט א טעלעי־גראם צום קייזער פראנץ יאזעף. עס איז היינט פארגעלעזען געווארען די אנטווארט, וואס דער קייזער האט געשיקט פון אישל, דער גאנצער עולם האט זיך אויפגעשטעלט און געשריגען: „האך!" דער קאנגרעס איז געשלאסען געווארען.

ש. מ. לזר.

בריף פון לאדז.

א הויז פאר יודישע קאליקעס.

איך האב אין איינעם פון מיינע לאדזער בריף אין „פאלקס־צייטונג" געשריבען, אז ס'וואלט א גרויסער יושר געוועזן, אז לאדזער

יודען זאלען אויך זארגען פאר א ווינקעל, וואו די יודישע קאליקעס וועלכע שלעפען זיך אויף טריט און שריט ארום אין די גאסען, זאלען האבען וואו אנידער צו לעגען זייערע צעבראכענע ביינער.

ד״ר ל. וואס האט מיין בריף אין פאלקס־צייטונג געלעזען האט מיר דער נאך געזאגט, אז איך האב געהאט א טעות, דען נישט נאר אויף א ווינקעל פאר די קאליקעס וועגען, האבען מיר אין לאדז געזארגט, נאר אויך גרויסע בעקוועמע צימער מיט אלע וויגאדעס האבען מיר פאר זיי איינגעריכט. און אויב, זאגט ער, ווען איהר זארגט ווירקליך אזוי פאר די קאליקעס, טא בעמיהט אייך און פועל׳ט, אז זיי זאלען צו אונז וועלען אריין קומען, דען שוין זייט 4 חדשים ווי די צימערען מיט אלע איינריכטונגען זענען פארטיג, מיר האבען שוין אלעס אויך אנגעווענדט דערצו, נאר די קאליקעס ווילען באין אופן צו אונז נישט קומען, איהר וועט דאך אוודאי פרעגען פאר וואס זיי ווילען נישט? דערויף איז א פראסטער תרוץ, זיי פארשטעהען דאך אז ווי באלד, מיר וועלען זיי געבען עסען, טרינקען און וואהנונג, קאנען זיי דאך נישט מעהר שנארען און בעטלען, דעריבער ווילען זיי נישט, זיי מאכען אזוי בעסערע געשעפטען און אזוי האט מיר דער דאקטאר אויך ווייטער דערצייהלט, וואו און ווען דאס איז געגרינדעט געווארען,—פאר א יאהרען איז אויף איינע פון די זיצונגען אין דער יודישער אלגעמיינע וואהלטעטיגקייטס־געזעלשאפט אין לאדז פארגעקומען די פראגע, וואס מען זאל מאכען מיט די יודישע קאליקעס, וועלכע שלעפען זיך אהן א שעור ארום אין די גאסען, אז עס איז אזש שרעקליך צו צו זעהן, און ווי אזוי צו פארבעסערען זייער לאגע איז געבליבען, אז ערשטענס זאל מען איינרייכען א ביטע אין מיניסטעריום, צו קריגען איין ערלויבניש אויף צו מאכען איין ארט פאר זיי, דאן וועט מען זוכען מיטלען ווי אזוי דאס אויסצוהאלטען, און אויף וואס פאר איין אופן עס איינצוריכטען. מיט א פאר מאנאט שפעטער, איז ווירקליך די ערלויבניש פון פעטערסבורג אנגעקומען, מען האט באלד איינבערופען א זיצונג, און די אויבען דערמאנטע געזעלשאפט, האט פון איהרע הכנסות צו דעם צוועק בעשטימט 2000 רובל אויף איינריכטונג און אנדערע אויסגאבען, דאן אויך 3000 רובל יעהרליך אויף אויסהאלטונג. מען האט געזעצט דערויף א בעזונדערע קאמיסיע פון אכט פערזאן, דערונטער אויך אייניגע יודישע דאקטוירים פון וועלכע דאקטאר ל. איז פרעזעס, און מען האט זיך ענערגיש אנגעהויבען נעמען צו דער זאך, א הויז דערצו האט מען אבגענומען אין דעם געביידע וואס געהער צו די אויבען דערמאנטע געזעלשאפט. אויף זאכאדניא גאס נומער 20 אין דער 4־שטאקיגער אפיצינע האט מען פארנומען דעם גאנצען ערשטען שטאק, א גרויסער זאל פון 10 פענסטער, און מיט די בעסטע בעקוועמליכקייטען אויף היגיענישער ארט עס איינגעריכטעט. ווי באלד ס׳איז נאר פארטיג געווארען אין מאנאט אקטאבער פארגאנגענעם יאהר, האט מען אנגעהויבען זארגען, אז די קאליקעס זאלען זיך מעלדען אום זיי דארט צו בעזעצען; מיר האבען געמיינט זאגט דער דאקטאר, אז ווי באלד די יודישע קאליקעס וועלען זיך נאר דערפון דערוויסען, וועלען זיי אלע קומען צילויפען. ווי פארוואונדערט זענען מיר אבער געווארען, אז נישט איין קאליקע האט זיך די גאנצע צייט געמאלדען, און נאך אזוי ווייט, אז מען האט געמוזט אויפזוכען עטליכע אדרעסען זייערע, און אין א געוויסען טאג איז דאקטאר ל. און דאקטאר ק. דירעקט אין זייערע וואהנונגען אהין נ׳פאהרען, דאס רוב פון זיי האט מען גאר נישט געטראפען אין דערהיים, די קאליקעס האבען געוויס זייערע בעשטימטע שפרעכשטונדען, נאר די וואס מען האט יא שוין געטראפען, ווילען גלאט נישט געהן, זיי האבען דערויף פארשידענע אויסריידען. אייניגע האבען געענטפערט, אז זיי האבען ווייבער, און קאנען זיי אין דערהיים אליין נישט איבערלאזען, אנדערע ווידער האבען געזאגט, אז אויף א פאר שעה אין טאג. קאנען זיי אהין קומען, לענגער לוינט זיי דארט נישט צו פארבלייבען, א טייל האבען יא שוין צו געזאגט צו קומען, איז אויך א נעכטיגער טאג, מען זעהט זיי אפילו נישט פאר די אויגען. אויב איהר ווילט, זאגט צו מיר דאקטאר ל. קומט אהין מאנטאג 11 א זייגער אין דערפריה אין דעמזעלבען געביידע זאכאדניא 20. עס האבען אונז דאך אייניגע קאליקעס שוין צוגעזאגט אהין צו קומען, וועלכע מיר ווילען אויך אונטערזוכען, וועט איהר דארט אלעס אויך קאנען בעזעהן, איך האב אויף זיך מן הסתם נישט געלאזט ווארטען, מאנטאג 11 א זייגער בין איך שוין געשטאנען פאר דער טיר, און איהם אבגעווארט, דער דאקטאר איז מיט א האלבע שעה שפעטער אנגעקומען, די ערשטע שאלה זיינע איז געוועזען— אויב עס ווארטען אויפ׳ן הויף שוין עפים קאליקעס? איך האב איהם דערויף גאר נישט געקאנט ענטפערן, ווייל עס איז ווירקליך קיינער דארט נישט געוועזען, — דאס איז א באנדע יודישע שנארערס האט ער געזאגט, קומט וועל איך אייך חאטש ווייזען, זאגט ער צו מיר, וואס פ ר מיה און קאסטען זיי האבען אונז אומזיסט אנגעמאכט. מיר זענען צו ערשט אריין געגאנגען אין א שטוב נעמען די שליסלען, דארט איז געוועזען א פרוי, וועלכע האט אויף פארלאנגען געעפענט אייניגע גרויסע שרענק, אין וועלכע עס זענען ווי אין א מאגאזין געלעגען פאר די קאליקעס נייע אנגעפערטיגטע ווייסע וועש; פון העמדער, יאקען, לייליכער, ציכען, האנטיכער, זאקען א. ז. וו. דאן פלאשצען ווארעמע פאר מענער, אזוי אויך פאר פרויען, היטלעך און אפילו א גאנצע קאלעקציע פון סאמעטענע קאפלעך צום שלאפען, דאן פעדערן־בעטגעוואנד, דעקען, אויך קישענס. גייהענדיג מיט די שליסלען צו די דירות פון די קאליקעס, האט מיר דער דאקטאר געזאגט, אז די פרוי, וואס האט אונז דאס אלעס געוויזען, איז די ווירטשאפטערין, און זי נעמט שוין פון 2 חדשים געצאהלט, זי האט אבער נישט וואס צו טון, ווייל קיין קאליקעס קומען נישט, אריינגייענדיג אין זאל, בין איך פארוואונדערט געווארען, ווי שען און פראקטיש דארט אלעס איז איינגעריכטעט, עס איז איין אונגעהייער גרויסע זאל, וועלכער איז געטיילט אין צווייען, פאר מענער בעזונדער, און פרויען בעזונדער, דערוויל שטעהען דארט 16 בעטליך צו 8 בעטליך אין א זאל. מיר האבען אין אנפאנג, זאגט דער דאקטאר, געקלעהרט אז אויב ס׳וועט זיין וועניג, וועט מען צו נעמען נאך אנדערע שטיבען. די לופט איז דארט זעהר פריי, ווייל ס׳איז גענוג הויך, בעזונדער איז אין יעדען פענסטער פראקטישע היגיענישע ווענטילאטארס אנגעבראכט, די לופט צו רעגולירען, אויך ראלעטען אויף די פענסטער זענען שוין אנגעמאכט, מיט אײלפארב זענען די ווענט, אזוי אויך די פאדלאגע געמאלט. די אייזערנע בעקוועמע בעטלעך מיט דראט־מאטראצען, זענען עקסטרא בעשטעלט, און קאסטען צו 12 רובל א בעטל. ביי יעדען בעטל שטעהט אויף א נאכט־טישל. דאן שטעהען צו 2 גרויסע טישען

מיט 8 בענקלעך אין א זאל, ווי אויך 2 שענקליך, אין יעדען פון זיי צו 8 שופלאדען, דאס האט מיר דער דאקטאר ערקלעהרט איז אז יעדער קאליקע זאל האבען א בעזונדער שיפלאד אויף טלית און תפילין, אויך א ספר אוועק צו לעגען. ידאן זענען דא ווייסע פארצע־לאענע וואש־שיסלען מיט וואסער־לייטונג צו וואשען. אויך 2 באד־צימער מיט די איבריגע בעקוועמליכקייטען, אויך גאז-בעלייכטונג איז דארט אנגעבראכט, עסען וועלען זיי קריגען פון דער ביליגער קיך, וואס געפינט זיך אויף דעם זעלבען הויף, אויך א דאקטאר איז בע־שטימט צו קומען אלע מאל געוואהר ווערען וואס זיי מאכען, — נאכ־דעם ווי איך האב אלעס אזוי גענוי מיט צופרידענהייט באטראכט׳ זאגט צו מיר דער דאקטאר, נו יעצט שרייבט אין אייער צייטונג, אז מיר האבען ווי איהר זעהט געטאן אלעס מעגליכע פאר די קאליקעס און זיי פארזארגט. נאר זיי ווילען צו אונז נישט קומען. לאזען חאטש די לאדזער יודען וויסען, אז מען דארף פון די קאליקעס, די שנארערס זיך די קעשענעס נישט לאזען אבדייסען. — — אויף מיין עצה, אז מען זאל עס צו וויסען געבען די פאליציי וועט זי זיי אלע אהער ארייניאגען. האט מיר דער דאקטאר געענטפערט, ניין דאס קאנען מיר נישט טון, עס פאסט פאר אונז נישט. גאר קוים וועלען מיר זעהען נאך א פאר וואכען אז זיי קומען ווייטער נישט, וועט מען גאנץ איינפאך פארווענדען אויף איין אנדערע זאך. מיט געוואלד נייטען די קאליקעס וועלען מיר נישט. — איך בין פון דארט אוועק געגאנגען מיט פיעל עגמת נפש. איז דאס מעגליך קלער איך מיר, אז יודען זאלען שוין אזוי זיין געזונקען און זאלען זיך נאר פארלעגען אויף שנארען און בעטלען? געהענדיג א פאר שריט ווייטער, האב איך באלד בעגעגענט זיצענדיג אויפ׳ן טראטואר א יוד, וועלכער האט אזש געציטערט פאר קעלט, דאס פנים געל און איינגעשרומפען, די רעכטע האנט איז ביי איהם מיט א שמוציג טיכל אונטער געבונדען, און מיט דער אנדערער שטרעקט ער אויס איך זאל איהם עפיס געבען, אויף מיין פראגע אויב ער איז א קאליקע? ענטפערט ער מיר יא, וואלט איהר געוואלט פרעג איך איהם אריין געהן אין אזא הויז פאר קאליקעס, ווי איהר וועט נישט ברויכען זיצען און בעטלען, — איך ווייס? זאגט ער צו מיר מיט א תמ׳עוואטע מינע, — וואס איז דאס פאר איין ענפער זאג איך צו איהם, ענטפערט מיר וואס כ׳פרעג אייך? — נו ווייס איך ווי דארט זעהט אויס? ענטפערט ער מיר ווייטער אויפציהענדיג די פלייצעס, — וואס הייסט זאג איך ווי דארט זעהט אויס, אזוי גוט געוואהנט זענט איהר פון דערהיים, אז איהר האט מורא מ׳וועט אייך דארט נישט קאנען אלע פארגניגען אנ־טון? איהר וועט קריגען זאג איך דארט א גוט געלעגער, ריין אנצוטוען, צו עסען און צו טרינקען, וואס נאך מעהר ברויכט איהר? — ניין נישט דאס, זאגט ער, פרעג איך, נאר מען זאגט גאר, אז זיי פארשליסען דארט, און לאזען מעהר נישט ארויס קיינעם אויפ׳ן גאס. — פארשלי־סען זאג איך צו איהם, וועט מען אייך נישט, איהר זיצט נישט אין קיין תפיסה נאר א ודאי—דארט וואהנען און ארום געהן בעטלען וועט מען אייך נישט ערלויבען. -- נו דארף מען נישט, זאגט ער צו מיר, מיט איין ענטשלוס, און האט דאס געלע פנים פון מיר אוועק געקעהרט. — דאס הארץ האט אין מיר ווירקליך געוויינט בעטראכטענדיג, ווי ווייט נעביך דער יודישער גלות האט עס געבראכט, ער האט אונז געשאפען א פאלק פון שלעפער און שנארער, קנעכט וואס ליבען זייער קנעכט׳שאפט און די גלות־שלעג די שווערע, וועלכע ווילען זיך נישט העלפען, און פארשפאטען אויך די מענשען, וואס ווילען זיי העלפען!...

אברהם פער...

היינטיגע יאהרען.

פון

מ. י. בערדיטשעווסקי.

מסחרים, און די מסחרים גופא לאזען זיך אויס. אמאל האט אלץ געהאט א צורה. מע איז געווען א נגיד, ווייל מע האט טאקי געלעבט אין עושר און כבוד. מע האט פארדיענט, ווייל סי געווען פון וואנען צו פארדיענען. דער מסחר איז געווען א מסחר און יודען האבען געטאן. מע איז געפאהרען קיין לייפציג, צי קיין יארמאלינעץ אויפ׳ן יריד טאקי מיט די גאלדענע רענדלעך, מע האט געהאנדעלט מיט פריצים, וואס ביי זיי האט דאס קערבל גאר קיין ממש ניט געהאט. פלידערן איז מען דעמאלט געגאנגען אנגעטאן פון צעהן גדולים איין ארשין, אבער די קעשעניע איז געווען פול. נאך שלמה פייסים איז געגאנגען אנגעטאן אלייבל פון זיין עלטערזיידען און האט פון זיך ניט געבלאזען אבער אנגעשטאפט איז ער געווען, הלואי אויף אונז געזאגט געווארען. וואס האט מען אמאליגע יאהרען בעדארפט? הערינג מיט ברויט, קאליש מיט שמאלץ, וואס איז שייך, א יוד מוז עפיס א זולל וסובא זיין? זעהט איהר, קינדער חתונה מאכען כיד המלך. יא, טאקי מיט די אייביגע קעסט און איידעמס בני תורה און יחוס. איז געקומען צו דער נדבה, האט מען ארויסגענומען צוויי רענד־לעך אויף אמאל. ווער שמועסט אז סי געקומען א יתומה חתונה מאכען, צי ביי א שטארקען ווינטער, אז יודען פרירען און האבען ניט מיט וואס צו הייצען אין הרובע, ווער שמועסט, אז די באד איז אבגעברענט געווארען, די קלויז, אז מע דארף האבען פאר׳ן כלל, שנירט מען אויף דאס בייטעלע און מע ניט און מע גיט. פאר וואס ניט, אז דער אויבערשטער העלפט, אז דו גיסט היינט אוועק אצעטעל אויף ארי־מעלייט, האסט דו מארגען צוויי. גאט איז א בטוח פאר אלעמען. דער ארימאן האט אויך זיין שבת און זיין יום טוב. וואס איז שייך, אז יודען האבען פרנסה בכבוד און זענען ב״ה אין איינעם...

היינטיגע יאהרען איז עס ניט אזוי׳ די פרנסות זענען דערשלא־גען און פון אלעמען ווערד א תל. נישטא מעהר די בתי מדרשים און דער ריינער קאפ פון דאגות, נישטא מעהר די שטיבלעך מיט׳ן תקון, וואס סי גארניט געווען חמציג. נישטא מעהר יאקל ציזים, וואס אז מע איז אריינגעקומען צו איהם, האט מען זיך אנגעגעסען מיט ווארעניקעס, אז מע האט ניט געקאנט דעכען. נישטא מעהר די געהויבענע מסחרים און דאס זוברען ביי קאנטראקטען און טארגעס. אז דאס טועכץ איז היינט גאר קיין טועכץ ניט און דאס פארדיענעכץ איז ניט קיין פאר־דיענעכץ, אז אלץ צו וואס מע נעמט זיך, קומט מען ארויס בשן ועין, אז סי שוין גאר בעסער צו זיצען אין דערהיים און צו עסען א גרייט קערבל. אז מע לייהט ביי יענעם, איז עס לכתחילה אויף ניט אבצוגע־בען, אז מע האט גארניט, אז מע ראבעוועט ניט. מיינט איהר אז מע איז גלאט אזוי ארא‌זבאיניק און מע האט ניט קיין רחמנות אויף יענעמס געלד — אסור; אבער פון וואנען דען זאל מען נעמען, אז

מע קאן ניט פארדיענען. די בעלי־מלאכות געהען גאר ארום מיט ליידיגע הענט, און א טרעגער צו זיין צי גלייט אזוי א קבצן איז גאר א מסוכנה זאך.

און נאך עפּיס: דער עולם צעפיהרט זיך גאר. אז היינט קענסט דו קיינעם ניט גלויבען פון דאנען אהין. אז הערשעלע שמעלקעס האט שוין יא דערטאפּט א הונדערטער, נעמט ער די פיס אויף די פלייצעס און איז אין אמעריקא. האט מען אויסגעהאדעוועט א זוהן, וואס איז שוין צייט חתונה מאכען, מאכט ער א שוויינ און פאהרט אוועק קיין אדעס. וואז׳שי זאל ער זיצען אין דערהיים, אז סי לחלוטין ניט דא וואס צו טאן, אז אלץ לאזט זיך אויס פון טאג צו טאג. אי איז דאך די קשיא, אז סי יא אזוי שלעכט וואז׳שע וועט זיין דער סוף. א דאס פרעגען מיר טאטי...

וואו נעמט מ׳ען?

עס איז מיר געווארען שוין מאוס
די גאנצע וועלט;
וואו נעמט מען אביסל נביאות
אהן געלד?...

וואו נעמט מען אביסל נביאות
אזוי ווי אמאל;
דאס ווארט זאל דארט פליעסען מיט חיות
און קלאר ווי קריסטאל.

דער נביא זאל דאמאלס ניט טראכטען
פון רוהם און פון נוץ —
ער זאל נאר דאס בייזעס פאראכטען
און וועקען צום גוטס;

ער זאל אין די הערצער נאר צינדען
דעם געטליכען פלאם,
ווי רויך זאל פון דארטען פארשווינדען
דער טייוולשער סם!

וואו נעמט מען א נביא פון אויבען
א הער־צו געשיקט.
ער זאל אונז אביסל דערהייבען —
מען ווערד דאך דערשטיקט!...

אברהם רייזען.

אלטניילאנד.

(פארטזעצונג).

XXIV

אין עטליכע טעג ארום איז אונזער קאמפּאניע, די פאמיליע ליט־וואק מיט איהרע געסט, איינגעשטיגען אין א גרויסען מאטאר־וואגען, אום צו פאהרען קיין טבריה צו דוד׳ס עלטערן אויף פסח.

קינגסקארט האט ווי זיין טבע איז געווען זיך געוואונדערט איבער דעם גרויסען וואגען און האט איהם גערופען „נח׳ס תיבה״. דוד האט איהם ערקלעהרט אז זיי וועלען פאהרען צוזאמען עלף פאסאזשירען און אז ער האט בכיוון גענומען א מאטאר חאטש זיי וואלטען געקאנט פאהרען מיט׳ן באהן, כדי בעסער צו קאנען בע־טראכטען די געגענד, דאס בליהענדע יודישע לאנד.

פאהרענדיג האבען זיי אויסגענומען אין וואגען רעשיד בײַ דעם אראבער און ארחיטעקטאר שטיינעק. דוד האט זיי ביידע איינגעלאדען צום סדר צו זיינע עלטערן קיין טבריה.

דער שליאך, אויף וועלכען זיי זענען געפאהרען, האט אלע מאל ביי אונזערע פרעמדע ארויס גערופען פארוואונדערונג און ערשטוינען די בעוועגונג איז נאטירליך געווען שוואכער ווי אין שטאדט, דאך איז עס געווען זעהר לעבעדיג. מאטאר־וואגען און וועלאסיפּעדען, פוס־געהער און רייטער, טייל אין אראבישער טראכט און טייל אין אייראפּייאישער קליידונג זענען געפלויגען הין און צוריק איבער דעם גלאט געפלאסטערטעם וועג. פון ביידע זייטען קליינע הייזער און גערטנער, ווייטער א הין פארזעהעטע פעלדער און גרינע לוגען און ביי דער זייט — א שורה פון סטאלבים מיט דראהטען געצויגען.

קינגסקארט האט בעמערקט אז פון די סטאלבים זענען געצויגען אלע מאל צוויי־דראהטען אין יעדעם שטובל אריין. „איז עס טעלע־פאן־דראהטען“, פרעגט ער, „און ווער וואהנט דא אין די שטובליך?“

דא וואהנען מעהרסטענטיילס בעלי־מלאכות, קלערט איהם רעשיד ביי אויף, דאס איז למשל א דארף פון גאלע שוסטער און דורך די דראטען פיהרט מען זיי צו די עלעקטרישע קראפט צו זייערע מאשינען. די קראפט געהט פון פארשיעדענע עלעקטריציטעטס־סטאנציעס, פון די ריטשקעס ביים בארג חרמון און לבנון אדער פונ׳ם קאנאל ביים טויטען ים.

די בעלי מלאכות דא ערקלער׳ט ווייטער דוד, זענען האלב ערד־ארבייטער האלב האנדווערקער. ביי ביידערליי זענען זיי פארבונדען אין ארטעלען. זייערע סחורות פארקויפט דער ארטעל צו די גרויסע וואר־נהייזער און עקספּארטערן. דאס זעלבע איז מיט זייערע לאנד־ווירטשאפט.

דער ערך צווישען פעלדארבייט און מלאכה איז ניט אין יעדען דארף גלייך. די דערפער וואס זענען געהענטער צו דער גרויסער שטאדט פיהרען הויפּטזעכליך האנדווערק און פעלד־ארבייט איז א ביי־זאך, אזוי אז פון דער ערד ציהען זיי גאר דאס נייטיגסטע פאר זיך אליין. דאגעגען בעשעפטיגען זיך די ווייטער דערפער מעהרסטענ־טיילס מיט ערד ארבייט. הויפּטזעכליך פלאנצט מען פארשיעדענע טייערע פרוכטען, וועלכע מע שיקט מיט דער באהן אין דער גאנצער וועלט אריין, קיין פאריז, בערלין, מאסקווי, פעטערבורג, אזוי זענען אונזערע דערפער צעשפרייט אינ׳ם גאנצען בליהענדען לאנד, ווי למשל דא ווייטער אינ׳ם טהאל פון יזרעאל. נאר איהר זאלט זיך ניט פאר־שטעלען אונזערע דערפער ווי א מאל די פארשמוציגטע נעסטען פון בויערען. איהר וועט נאך היינט מיט אונז אנקוקען א יודיש דארף וועלכעס איז א טיפּ פון דעם נייעם דארף וואס די נייע געזעלשאפט האט אויסגעבויעט איבער גאנץ פאלעסטינע, פון מזרח און מערב־זייט פונ׳ם ירדן.

זיי האבען געדארפט איבערפאהרען א בריק איבער׳ן פישון, דער וואגען איז געלויפען שנעלער צווישען די שענע גערטנער פון לימונעס און מאראנצען. די רויטע און געלע פרוכטען האבען געלויכ־טען פון די בלעטער ארויס. קינגסקארט שרייט אויס ענטציקט: לאז מיך דער ניט גוטער נעמען ווען דאס איז ניט איטאליע!

קולטור איז אלעס ברומט שטיינעק, מיר יודען האבען אהער געבראכט די קולטור.

האט קיין פאראיבעל ניט, זאגט רעשיד מיט א שמייכעל, דיזע קולטור איז שוין פריהער אויך געווען. נאך מיין פאטער האט דא גע־פלאנצט אראנזשען א גרויסע צאהל. דאס ווייס איך בעסער פון אונזער פריינד שטיינעק דען אט דא איז מיין פאטערס גארטען אצינד מיינער

איך וועל ניט לייקענען, ענטפערט שטיינעק. איהר האט שוין פאר אונז געהאט באיארען, אבער איהר האט פון זיי ניט געקאנט מאכען קיין ווערט. ערשט אז מיר זענען געקומען האט אלעס בעקו־מען א ווערט.

דאס איז אמת, ענטפערט רעשיד. דורך אייער קומען און דורך די נייע פארקעהרס־וועגען האט זיך דער עקספארט צעהן מאל אזוי פיעל פארגרעסערט און אונזערע פלאנצונגען האבען בעקומען א ווערט אויפ'ן מארק.

„איין פראגע, רעשיד ביי!" ווענדעט זיך קינגסקארט צום אראבער. די הערען וועלען מיר קיין פאראיבעל ניט האבען. אז די יודען האבען אהער איינגעוואנדערט זענען די פריהעריגע איינוואהנער ניט געגאנגען צו גרונד? איך מיין בכלל, דאן אז איינציגע מענשען האבען זיך גוט געמאכט איז נאך קיין ראיה ניט.

„חס ושלום!" ענטפערט רעשיד. „אדרבא פאר אונז אלע איז דאס געווען א ישועה. ערשטענס נאטירליך פאר די בעלי־בתים וועלכע האבען פאר זייערע פלעצער אבגענומען הויכע פרייזען ביי דער נייער געזעלשאפט, סיידען ווען עמיצער האט ניט געוואלט פארקויפען מח־ת ער האט געהאפט שפעטער נאך א בעסערען פרייז צו בעקומען. איך פאר מיר האב ניט געוואלט ווארטען און האב מיין ערד פארקויפט דער נייער געזעלשאפט, ווייל איך האב מיך אזוי בעסער אויסגערעכענט".

„איהר האט דאך ערשט געזאגט אז די גערטנער זענען אייער?"

„בפירוש! נאכדעם ווי איך האב זיי פארקויפט דער נייער גע־זעלשאפט, האב איך זיי ווידער פון איהר געדונגען אויף ארענדע".

„וואס־זשע האט איהר געדארפט פריהער פארקויפען?"

„פאר מיר איז אבער וויגאדנער געווען אריין צו טרעטען אין דער נייער געזעלשאפט, און די מיטגלידער פון דער נייער געזעל־שאפט טארען ניט האבען קיין פריוואט־אייגענטום".

„פרידריכסהיים איז אלזא ניט אייערס?", פרעגט פרידריך ביי ליטוואקען.

„די ערד ניט. איך האב זי נאר געדונגען ביז צום יובל־יאהר, אזוי ווי פריינד רעשיד זיינע גערטנער".

„יובל־יאהר? איך בעט אייך, ערקלערט מיר דייטליכער, סע שיינט מיר, אז איך האב דארט אויף מיין אינזעל ווירקליך פיעל פארשלאפען".

„דאס יובל־יאהר איז ניט קיין נייעס. ס'איז איין אלטע איינ־ריכטונג פון משה רבנו, אז נאך זיבען מאל זיבען יאהר, אלזא אויף יעדען פינפציגסטען יאהר, קעהרט זיך די פארקויפטע ערד ווידער אום צו איהר פריהריגען אייגענטימער. מיר האבען דאס נאר אויף אזוי פיעל איבערגעאנדערשט, אז סע קעהרט זיך אום ניט צום פארקויפער, נאר צו דער נייער געזעלשאפט, ווייל זי אליין, דאס הייסט דער כלל ישראל איז דער אייגענטימער פון דער ערד. אויף דעם וועג זענען מיר געזיכערט, אז די ווערט־פארמעהרונג פון דער ערד פאלט ניט אריין צו יחידים נאר צום כלל".

(פארטזעצונג קומט). **משה קליינמאן.**

די וועלט־געשיכטע

(ענדע).

אפשר ווילט איהר וויסען ווי אונזער איבערזעצער פארטייטשט ווערטער, וועל איך אייך אויך דערפון ברענגען א מוסטער: „ארכעא־לאגיע, דאס הייסט: די לעהרע פון אויסגעגראבענע כלים פון אמא־ליגע צייטען, פון זיי צו פארשטעהן דאס לעבען פון יענע מענשען, וואס האבען אין זייערע צייטען זיי געמאכט און מיט זיי זיך בענוצט". אמת, קורץ און פארשטענדליך? — אנדערע מלמדים פארטייטשען מיט איין ווארט: „ארכעאלאגיע איז די לעהרע איבער די אלטע צייטען" — און עס איז ריכטיג. דאס וואס ה' דינעזאהן זאגט איז אייגענטליך נאר איין חלק פון פארהיסטארישער ארכעאלאגיע. אז מען רעדט געוועהנליך פון ארכעאלאגיע, מיינט מען גראדע די פון דער היסטארישער צייט. אום זיך צו איבערצייגען ווי ווייניג אונ־זער איבערזעצער האט זיך אבגעגעבען דין וחשבון פון דעם וואס איז היסטאריש, אונהיסטאריש און פארהיסטאריש, ברויך מען איינקוקען, וואס ער שרייבט זייטע 15, מיר קענען ניט אזוי פיעל מאריך זיין.

צולעצט מוז איך דא נאך ברענגען א מוסטער פון זיין סטיל. מיר האבען געהאט דאס רעכט צו האפען פון אזא פיינעם בעלע־טריסט ווי הער דינעזאהן, ער זאל זיך ווייניגסטענס גענוי און קלאר אויסדריקען. זייטע 10 שרייבט ער פון דעם בעזעצען זיך אויף דער ערד פעסט און נעמען זיך צו ערד־ארבייט און זאגט אזוי: „צו יענער צייט איז נאך קיין געזעץ און קיין ריכטער געוועזען, וואס זאלען פארהיטען א מענשענס מיה און אייגענס, איין רעכט נאר איז דא־מאלס געוועזען: דער כח. האט א מענש עפּיס דערווארבען מיט זיין כח איז דאס אזוי לאנג זיינס געוועזען, ביז עס איז געקומען א גרע־סערער כח, וואס האט עס מיט געוואלד אבגענומען. קען מען זיך פארשטעלען ווי שווער און ווי אונזיכער זיין מיה און זיין לעבען איז געוועזען, אבער טאקי דער טרויריגער צושטאנד האט זיי געצוואונגען מיטעל צו זוכען זייער לאגע צו פארבעסערן און האט זיי דעם וועג געוויזען, וואו זיי קענען דיעזע מיטעל געפינען. נאר מיט א גרעסערן כח האט מען געקאנט דאס וואס זיי האבען מיט אייגענעם כח ער־ווארבען אבהיטען. דעריבער האבען זיי אזא כח געזוכט, וואס זאל בעשטעהען געגען די אנפאלענדע כחות אויף זיי. אזא כח האבען זיי געפונען אין געזעלשאפטליכען לעבען. אין אנהויב אין דעם, וואס זיי האבען פארמעהרט די כחות פון דער אייגענער פאמיליע, דורך נייע מענשען, וואס זענען ביי זיי געבוירען געווארען, און שפעטער אויך דורך פאראייניגען זיך מיט נאך אנדערע אזעלכע פאמיליען, וואס האבען די אייגענע שאדען געליטען ווי זיי און די אייגענע מיטעל געזוכט, ווי די שאדען צו פערמיידען. דאס צוהעלפען איינע די אנדערע געגען אנפאלענדע כחות האט זיי ווייטער בעוויזען די נוצען פון צו העלפען איינע די אנדערע ביי דער ארבייט אויף די פעלדער און ביים בויען נייע הייזער". מיט דעם גאנצען פילאזאפישען, פינס־טערען געפלוידער האט דער איבערזעצער אייגענטליך געוואלט זאגען

נאר איין וואָרט, דהיינו, אז די ערשטע קאָלאָניסטען האָבען געמוזט צוזאַמען לעבען, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאר רויבער און ווייל זיי האָבען געבּרויכט איינער דעם אַנדערענס הילף ביי דער אַרבּייט.— דער לעזער מיינט, ווער ווייסט, וואס פאר א חכמות דא שטעקען, און מטשטעט זיך אומזוסט. נאר אין די לעגענדען שרייבּט ה' דינעזאָהן אַ נאַטירליכע שפּראַכע, חאָטש אַזוי אויספיהרליך ווי ער שרייבּט זיי, פּאַסען זיי ניט פאר א געשיכטע, נאר פאר א קינדער־ביכל. מעהר קיין שבחים בּרויך איך איהם ניט נאכזאָגען. די לעזער וועלען די רעשט אויספיהרען.

די 3 מחברים פון 2־טען טייל האָבען זיך פאַרגענומען קורץ צו זיין. פון דעסטוועגען צו שרייבען פּשוט א קורצע געשיכטע ווי וועבער, אילאָווייסקי, וועלטער, יעגער און טויזענד אַנדערע מחברים פּאַסט זיי ניט. ס'טייטש די לעזער פון זייער געשיכטע האָבען דאָך אַלע געלערנט געשיכטע אין גימנאַזיע, זיי בּרויכען א העכערן קורס, איין איבערזיכט. דאס האָבען זיי געגעבען. מילא יודישע געשיכטע האָבען טייל לעזער שוין געלערנט; עס איז דאָך פריהער געדרוקט געוואָרען גרעץ. ווער עס האט אָבער געליינט גרעץ, בּרויך זיי גאר ניט האָבען און וועט דערבּיי ניצל פון זייערע פעהלער. נאר גריכישע געשיכטע האט קיין זשאַרגאָן־לעזער ניט וואו צו לייענען, און פון די 3 מחברים עפּיס געוואָהר צו ווערען איז שווערליך. איך קאָן דאס גאנץ געווים זאָגען, אז פון הונדערט לעזער איז אויך איינער ניט אומשטאַנד דערפון דאס מינדעסטע צו לערנען, אפּילו א בּעסערער קאָפּ. נאר פעהלער קענען די דריי אויך מאַכען, איך וועל אייך ווייזען אַ ביישפּיעל. זייטע 4 שמועסען די מחברים פון די קליינע פעלקער, וועלכע האָבען געוואוינט אין ארץ ישראל, איידער די יודען האָבען זיי איינגענומען, און די מחברים שמועסען ניט פּראָסט, זיי ווייסען אַלעס, אפילו דאס וואס קיינער ווייסט ניט, אפילו וואס עס האט זיך ביי די פעלקער געקאָכט אין טאָפּ. נאר וואס יעדער יוד ווייסט, ווייסען אונזערע היסטאָריקער פונקט ניט. זיי שרייבּען, אז די אַלע קליינע פעלקער זענען געווען סעמיטען, פון די בּני שם, און מיר האָבען געלערנט פאַרקערט. אין דער פעלקער־טאַפעל, בּראשית 10, שטעהט: „ובני חם כוש ומצרים ופוט וכנען". אלזא די קינדער פון חם זענען געווען כוש, מצרים, פוט און כּנען. ווייטער שטעהט: „וכנען ילד את צידון בּכורו ואת חת, ואת היבוסי ואת האמורי". אלזא פון כּנען זענען ארויסגעקומען צידון, חת, דער אמורי, גרגשי. דאן לעזען מיר: „ויהי גבול הכנעני מצדון בּאכה גררה עד עזה, בּאכה סדמה", די גרענעץ פון כּנען איז געווען פון צדון, וועלכעס ליגט אויף צפון־זייט פון ארץ ישראל, בּיז עזה, וואס ליגט דרומית־מערבית און בּיז סדום אויף דרומית־מזרחית. דאס הייסט, אלע פעלקער פון גאנצען פּאַס ביים בּרעג פון ים הגדול (התיכון). נו, אז כּנען קומט ארויס פון חם, קומט ער דאָך ניט ארויס פון שם. זענען די כּנענים אלזא חאמיטען און ניט קיין סעמיטען. אפשר ווילען זיי דערויף ניט בּעשטעהן, ווייל עס שטעהט נאר אין חומש, מוז איך צוגעבּען, אז אלע לעצטע חקירות, די טעל־על־אמארנא־בּריף און די אויסגראַבּונגען בּעווייזען עס גאנץ קלאָר. — זייטע 5 שרייבּען זיי: „אמורי איז בּעשטאַנען פון 2 מלוכות: „חשבּון און בּשן". מיין חבר האט אַמאל געענטפערט דעם לעהרער אויף דער פראַגע: „פון וועלכע פּראָווינצען בּעשטעהט עסטרייך?" — עסטרייך בּעשטעהט פון גאליציע. בּעהמען, בּודאַפּעסט א. ז. וו. צי האָבען די מחברים פאַרגעסען אז חשבּון איז א שטאָדט, ניט קיין לאַנד? עס שטעהט דאָך אין חומש: „חשבּון עיר סיחון". חוץ מזה איז ניט אמת, אַז דער אמורי איז נאר בּעשטאַנען פון יענע 2 מלוכות אויף יענער זייט ירדן. דער אמורי האט געהאַט מלוכות אויך אויף דער זייט ירדן, מען בּרויך נאר אַביסל אַריינקוקען אין תנ"ך, וועט זיך יעדער דערפון איבערצייגען.

דער 3 און דער 4 טייל פון ש. זענען ניט אַזוי ענג געשריבּען ווי דער 2־טער, נאר דאָך זעהר נישט קלאר, חוץ דאס לעבען פון אלעקסאנדער דעם גרויסען, וואס לייענט זיך לייכט. פון רעמישען לעבען ווערד מען דא זעהר וועניג געוואהר. מלחמות און מלחמות ווייטער ניט, און אפילו די מלחמות זענען אויך ניט דייטליך בּעשריבּען. אפילו די אינטערעסאַנטע פּונישע קריגען אין האַניבּאַלס מערקווירדיג גרויסע „פּערזענליכקייט" בּלייבען נישט אינטערעסאַנט. אז הער ש. וויל, איז ער אויך אַ למדן — אַ בּעל דרך־ארץ איז ער, ער רופט ניט אַנדערש ווי ר' שמעון בּן שטח, עזרא הנביא — ער ווייסט אפילו, אַז די שפּראַכע פון ספר חנוך, ספר היובלים, גדולת משה איז פיעל געמיינער ווי אין תנ"ך; נאר וואס אַלע יודען ווייסען, ווייסט דער היסטאָריקער ווידער ניט. אַט איז אַ מנהג צו זאָגען פּרק. אַ גוטער מנהג, מען לערנט דערבּיי מדות, דרך־ארץ, אויך אַ פּרק געשיכטע; מען ווערד געוואהר, אַז פון משה איז געגאַנגען די תורה צו יהושע, צו די זקנים, דאַן צו די נביאים; פון זיי צו די כּנסת הגדולה. שמעון הצדיק איז געווען דער לעצטער פון די כּנסת הגדולה, נאָך איהם איז געווען אַנטיגנוס, נאָך איהם זענען געווען צו 2 פיהרער זוגות; איינער פון זיי איז געווען נשיא, דער אַנדערער אַב בּית דין, דאס הייסט דעמאָלט האָבען זיך אָנגעהויבען די סנהדרין. הער ש. שרייבּט אָבער: צווישען די אַנשי כּנסת הגדולה זענען שטענדיג געווען 2 זקנים, וועלכע פלעגען זיין זייערע פיהרער, זיי האָבען זיך אָנגערופען זוגות. און מיר האָבען דאָך געזעהן, אַז די זוגות האָבען זיך אָנגעהויבען ווען די כּנסת הגדולה האָבען שוין לאַנג אויפגעהערט. אויף אַזא אופן לערנט מען געשיכטע! זייטע 17 זאָגט דער מחבּר: די סיבּילינישע בּיכער זענען געווען געשריבּען טיילס אויף לשון הקדש, טיילס אויף גריכיש. טאַרקוויניוס סופּערבּוס האט זיי מציל געווען א. ז. וו. ווי קומט דער מחבּר צו אַזא נאַרישען טעות?! א לעזער, וואס ווייסט ניט ווי קליין רוים איז געווען אין יענע צייט, ווי ווייט עס איז געווען פון יודען, קאָן מיינען, אַז אין טאַרקוויניוס סופּערבּוס־צייטען האט מען געקאָנט לשון קדש אין רוים וועניגסטענס, ווי מען קאָן היינט אין בּיאַליסטאָק און דאס איז אזוי ווייט פון אמת, אזוי ווייט!

אַזוי זעהט אויס אונזער וויסענשאַפטליכע ליטעראַטור. זאָלען מיר פאַרלירען די האָפנונג אויף בּעסערע בּיכער?...

ה. קירשענבּוים.

ליטעראַטור און קונסט

בּית ישראל. נעשה ע"י גדולי המדקדקים וההעתקות ע"י חבר מורים מומחים פדגוגים ומלמדים להועיל. בּהוצאת ש. ב. לאנדא ושותפו. ווארשא תרס"ג.

דער ספר בית ישראל איז געדרוקט מיט תרגום אונקלוס, רש"י הפטרות אונ חמש מגלות אונ דערצו נאך א נייעס: דער פירוש פון רש"י איז געדרוקט מיט רש"י־אותיות אונ נקודות. אויך „המתרגם", וועלכער איבערזעצט די גאנצע תורה אויף יודיש דייטש אונ „הפתשגן", וועלכער איבערזעצט רש"ים פירוש אויף יודיש דייטש. ארויסגעגעבען דורך ש. ב. לאנדא עט קאמפ. דערווייל זענען ארויס די ערשטע צוויי העפטען, אין וועלכע עס קומט אריין די גאנצע סדרה בראשית אונ דאס רוב פון סדרה נח.

О возрожденіи еврейскаго народа на св. землѣ его древнихъ отцовъ М. Л. Лиліенблюмъ.
(וועגען דעם אויפלעבען פון דעם יודישען פאלק אויף דאס הייליגע לאנד פון מ. ל. ליליענבלום) דריטע אויפלאגע.

דאס בוך, וואס האט דעם צוועק צו באקענען דאס יודישע פובליקום, וואס לייענט נאר רוסיש מיט דעם געדאנק פון דער אויפלעבונג פון יודישען פאלק, האט באלד ווי עס איז אבגעדרוקט געווארען, געמאכט א גרויסען איינדרוק אויף דעם פובליקום פאר וועלכען עס איז בעשטימט, די ערשטע אונ די צווייטע אויפלאגע זענען באלד פארגריפען געווארען אונ דער ארויסגעבער ה' ש. הארנשטיין אוים אדעסא האט זעהר גוט געטאן, וואס ער האט דאס נוצליכע ווערק ארויסגעגעבען אין א דריטער אויפלאגע.

אלערליי.

קעניגין דראגא אלס ראמאנען־העלדין. ווי געשווינד עס ווערד פאבריצירט ראמאנען בעווייזט דער פאקט, אז דען 11 יוני האט מען אין בעלגראד דערמארדעט דעם קעניג אלכסנדר מיט זיין פרוי דראגא אונ אין 8 טאג ארום, האט זיך אין דאס בלאט „קראנען־צייטונג" שוין אנגעהויבען דרוקען א היסטארישער ראמאן מיט דעם נאמען: „די נקמה פון דער קעניגין דראגא" אין וועלכען עס ווערד בעהאנדעלט די רציחה פון בעלגראד.

צופים ארום די וועלט אהן אקאפיקע געלד איז געגאנגען דער פראנצויזישער רייזענדער שארל מילא אין א משך פון צוויי יאהר, נישט לאנג איז דער אייגענער רייזענדער געקומען קיין פעטערסבורג אונ פון דארטען וועט ער געהן צוריק נאך פאריז, פון וועלכע ער איז פאר צוויי יאהרען ארויסגעגאנגען.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— די פרינצעסענס פון באיערישען קעניגליכען הויז האבען געגרינדעט א פעראיין צו שיטצען די אנטיסעמיטען אונ אויסצושליסען יודען פון דער רעגירונג אונ געזעלשאפטליכען לעבען. צו דעם פעראיין געהערען די פרינצעסין מאריע טהערעזיע די צוקינפטיגע קעניגין אין באיערן.

II. יודישע נייעס.

— אין קעלן (דייטשלאנד) האט זיך א קריסט בעקאנט מיט א יודישע רייכע פרייליין, זיך פארליעבט אין איהר אונ לסוף זיך מיט איהר פארקנסט. צים חתנ'ס געבורטסטאג האט איהם די כלה געמאכט איין איבערראשונג, זי האט איהם געבראכט אטויף־שיין פאר איהר, איהר ברודער אונ איהר יונגערע 16 יעהריגע שוועסטער, נאר דער חתן דערזעהענדיג דעם איבערראשונג האט חרטה בעקומען אוים'ן שדוך, ווייל ער האט זיך מיט איהר פארקנסט אונ גערעכענט חתונה צו האבען אלס יודישע פרוי, אונ אז נאך דער חתונה זאל זי אויף בלייבען א יודיש קינד. ער האלט דאס טויפען זיך פאר א לייכטזיניגקייט די נעטרייע כלה איז נעבאך איוועק מיט א לאנגען נאז.

— דער פרויען פעראיין פון „בני ברית" אין בערלין, וועלכע זארגט פאר ארימע יודישע קימפעטארענס האט אבגעדרוקט איהר חשבון. די צאהל פון די מיטגליעדער דערגרייכט ביז 500, פאריגעס יאהר האט די הכנסה פון דעם פעראיין בעטראפען 12,500 מארק.

וועגען פרויען ערציהונג.

(פארטזעצונג.)

דער פאקט, אז דער שכל אונ דער געדאנק ווענדט זיך נאך דעם פערלאנגען פון הארץ איז זעהר נאטירליך אונ פערשטענדליך. דען פאר דעם מענשען איז דאך דער עיקר נישט אז ער זאל לעבען, נאר ווי אזוי ער זאל לעבען... די הויפטזאך איז דער געדאנק פון לעבען, אבער נישט דאס לעבען אליין. נאר איז דאס מעגליך, אז דער שכל געפינט פאר דעם מענשען דעם דאזיגען געדאנק? ניין, דאס קאן נישט זיין, עס איז א גרויסער טעות גאר צו טראכטען אזוי! פאר דעם שכל איז דאך דער עיקר די לאגיק, דאס הייסט די לעהרע ווי צו דענקען אונ ווער ווייסט נישט וויפיעל סארטען לאגיק האט דעם מענשענס שכל בעשאפען! די היסטאריע, וועלכע בעשרייבט ווי אזוי דעם מענשענס שכל האט זיך ענטוויקעלט בעווייזט אין א געוויסען גראד אונזערע רעד. וועלכע „לאגיק" עס איז שטארקער די האט אויך דאס רעכט צו בעשטעטיגען איהרע געדאנקען פון לעבען... עס קאן זעהר געמאלט זיין, אז אין איין וואך זאל איך לעבען מיט איינינע „געדאנקען". צו אונזער בעדויערן טרעפט דאס זעהר אפט ביי היינטיגע צייטען. היינט לעבט מען מיט די לאגיק פון דעם פילאזאף אונ מארגען מיט דעם געדאנקען פון יענעם. דאס בעווייזט אונז, אז מיר האבען נישט קיין ריכטיגען וועג־ווייזער ביים אויסקלויבען דעם געדאנק פון לעבען... מיר האבען פארגעסען דאס הארץ, מיר קאנען נישט טראכטען לויט זיין לאגיק אונ מיר הערען נישט וואס דאס הארץ פערלאנגט פון אונז. מיר פארשטעהען נישט דעם גאנץ געוועהנליכען געדאנק, אז נישט דער שכל מאכט דעם מענשען „פאר א מענש" אין דער בעדייטונג פון גוטסקייט, וואס מען פארשטעהט אונטער דעםווארט מענש, נאר זיינע גוטע מדות, ווי יושר, רחמנות וכדומה. די גוטע מדות געהערען זיך כלל נישט אן מיט דעם שכל. א מענש קאן זיין קלוג אונ געבילדעט מי יודע וויפיעל אונ דערביי שלעכט אונ פערדארבען אויף דעם העכסטען גראד.

מיר ווייסען אלזא, אז דאס הארץ ווייזט דעם מענשען אן דעם געדאנק פון זיין לעבען, פערשטעהען מיר אבער אט דעם דאזיגען פשוט'ן אמת? וועלען מיר סוף כל סוף בעקומען אזא הארץ, וואס וועט זיין מסוגל צו וועלען נאר גערעכטיגקייט. דערווייל האבען מיר עס נישט, היינט זענען מיר נאך נישט מסוגל צו דעם... זענען מיר אין דעם שולדיג? ניין מען האט אונז נישט ערצויגען אויף אזא ארט מיר האבען געהאט מאמעס, וואס האבען אונז געבוירען אבער נישט מאמעס, וואס זאלען אונז ערציהען.

(פארטזעצונג קומט.) נ. מולנער.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

פון דער אדמיניסטראציאן

אין קאמענעץ-פאדאלסק נעמט אויף אבאנענטען אויף
די „יודישע פאלקס-צייטונג"
ה' ישכר שווארץ.

„אגאטאל"-גורסקי, ווארשא, לעשנא № 4
דאס בעסטע מיטעל צום רייניגען די צאהנער,
פערהיטעט זיי פון פוילען און ווייטוג אין בלעכענע שעכטיל צום פרייז
20 קאפ' און 30 קאפ'. פארדערן איבעראל.
(125)

דאמף-דרוקעריי עט ליטאגראפיע
פון ש. בעלכאטאווסקי אין פיעטרעקוב

איינגעארדענט לויט די נייעסטע סיסטעמע, מיט די שענסטע מאדערנע שריפט און פערצירונגען, נעמט אן צו דרוקען אלערליי ביכער: יודיש, רוסיש פויליש, דייטש א. ז. וו. אויך די לייכטעסטע בעדינגונגען. אויף פערשידענע עטיקעטען, פרייז-קוראנטען, פאבריטשנע ביכלעך. אויך אלערליי אנדערע סארטען דרוק אונד ליטאגראפישע זאכען.
50 13 אלעס ווערט פינקטליך און שנעל בעזארגט. (212)

Въ Типо-литографію Ш. Белхатовскаго, г. г. Петроковъ.

כל נקודה ונקודה

פאבריק פון אייזערנע קאסטעס (קליינע קאסעלער)
A. LAMPRECHT
CZERNIAKOWSKA 98, W WARSZAWIE
עמפפעהלט אויטאמאטישע שפאר-קאסעס שטארק און שען געארבייט.
אנגרא פערקויף אין דער פאבריק
8—2 איינצעל פערקויף אין ווארשא ביי: 240
K. BRUN, PLAC TEATRALNY.

Вышло третьимъ изданіемъ:
О возрожденіи еврейскаго народа на Св. землѣ его древнихъ отцовъ
М. Л. ЛИЛІЕНБЛЮМА
(6 печатныхъ листовъ на хорошей бумагѣ) цѣна 20 к., съ пересылкой 26 к. Сіонист. Кружкамъ и книгопродавцамъ 20%ск.
Адресъ издателя: Книжный маг. С. Горнштейна, Одесса, Безыменный пер. 28.
239 4—4

פערלאג „פאלקסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

א.

1) די יודישע קאלאניאל-באנק פון דר. ח. ד. הורוויץ;
2) דער נאציאנאל-פאנד פון ר. א. ברוידעס.
פרייז 3 קאפ. מיט פארטא 5 ק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.
פרייז 10 קאפ. מיט פארטא 12 קאפ.
ציוניסטישע אגודות בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія", Варшава. — Verlag „Tuschijah", Warschau.

דער ערשטער באנד פון „שלום עליכם'ס אלע ווערק" איז שוין ארויס פון דרוק און צעשיקט געווארען אלע אבאנענטען וואס האבען אויסגעשריבען מיט די ווערק.

אינהאלט פון ערשטען באנד:

I. דער ערשטער ארויספאהר. איין אמת'ע מעשה ווי אזוי צוויי יונגע פייגעלעך, וואס האבען ניט אנגעקוקט רעכט די ליכטיגע שיין, פליהען ארויס דאס ערשטע מאל אויף גאנץ וועלט.

II. דאס מעסער'ל. א טרויריגע געשיכטע פון די קינדער-יאהרען.

III. טביה דער מילכיגער. דריי ספורי מעשיות.
1) דאס גרויסע געווינס.
2) א בוידעם.
3) היינטיגע קינדער.

IV. אויפ'ן פידעל. א מעשה.

די איבעריגע 3 בענדער וועלען צעשיקט ווערען יעדע זעקס וואכען א באנד, אזוי אז ביז צום סוף יאהר וועלען אלע 4 בענדער צעשיקט ווערען צו די אבאנענטען.

אבאנאמענטס פרייז:

פון 1־טען יולי ביז צום סוף יאהר די יודישע „פאלקס־צייטונג" צוזאמען מיט די 4 בענדער „שלום־עליכם'ס אלע ווערק" — 4 רובל, פאר א האלב יאהר צוזאמען נאר מיט 2 בענדער 3 רובל, פאר א פערטעל יאהר צוזאמען מיט 1 באנד 1.50 רובל.

די צייטונג אהן דער פרעמיע: 1 רובל א פיערטעל יאהר, 2 רובל א האלב יאהר.

שלום־עליכם'ס אלע ווערק אהן דער צייטונג פערקויפען זיך ניט.

מיר בעטען די וועלכע ווילען אבאנירען די צייטונג אליין, אדער מיט דער פרעמיע זאלען זיך בעאיילען אויסצושרייבען אין דער צייט, ווייל די צייטונג און די פרעמיע דרוקען מיר נאך א געוויסע צאהל עקזעמפלארען.

פריוואט-אנשטאלט פון קינדכעטורין פון ד"ר וואוועלבערג, לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע-טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי-כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען-קראנקהייטען פון 10 ביז 12 פריה.
231 (20—8)

א גרינגע און א זיכערע פרנסה!

קאן האבען אין אללע שטאדט פון רוס-לאנד און פוילען, ווער עס וועט צוטרעטען אלס שותף צו דער

נייעסטע ערפינדונג פון 20טען יאהרהונדערט

צי פעררינטען אללערהאנד שוה-ווערק אהן נעטה וואו עס איז נישט צו דער-קענען דעם מינדסטען צייכען פון א לאטע עס מאכט קיין אונטערשיעד וואס פאר א מין לערער עס איז.

אללע איינצעלהייטען אנטווארטע איך אין א בריעף ווער עס שיקט אריין א מארקע פון 7 קאפ.
242 3—2

אדרעססע: С. АКЕРМАНЪ
Новолипки 58, Варшава.

אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע: Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варщава.

נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט אגוטע פרנסה איינפיהרען. אבריפ־ליכע ערקלערונג חנם לכל דורש.
Я Найдичъ, Варшава.

Зеркальный фабрикантъ
ЮДКА ВЕЙНБЛАТЪ,
Варщава, Сливская 22.

עמפפעהלט אללע סארטען פערזיגע שפיגעל, אויך אללע צוראטין פיר שפיגעל פאבריקאנטען, צו גראססע אונד קליינע פאבריקאציאן. די בעסטע עצות אין די פאבריקאציאנסגעשעפט אנגעלעגענהייט. ביליגסטע פרייזען.
(164) 25—20

Оптическо-Хирургическій складъ
И. ПИКЪ
Наловки 35 Варшава

רוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואלענע פים, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פים און הענר, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע און חירורגישע אר-טיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק
י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.
אלץ ווערד צוגעפאסט דורך ספעציאליסטען
234 25—5

בבית־מסחר־ספרים של
ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.
Книжн. магаз. З. Ш. Сребрека,
(225) Вильна. 50—8

איינציגע ברוכבענדער, וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך זינד נור „אלעקסאנדערס"

נייעס!! נייעס!!

ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע

היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, און נאך 3 מאנאטליכען טראגען ווירד דער ברוך גענצליך אויסגעהיילט. זיי האלטען גוט איין דעם ב"וך און דריקען נישט דעם קערפער, וועהרענד אהנע עלעקטריע איז דאס אונמעגליך. בויכבענדער פיר פרויען, עלאס-טישע גוממי שטרימפפע פיר גע-שוואלענע פים, בריללען מיט ווענעציאנישע גלעזער, וועלכע שטערקען די אויגען, אפאראטע פיר העמערוידען, אויך אנדערע כירורגישע און אפטישע ארטיקעל עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען די לאנג יעהריגע פירמא

Хирургическо-Оптическій магазинъ
подъ фирмою Александеръ
Сенаторская 22, Варшава

דא עס האט זיך געציינט אז מען מאכט נאך אונזערע ברוכבענ-דער, ביטען וויר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגענאלע מיט'ן סטעמפעל פון אונזער פירמא.

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקשרייבען פון די יענינע וואס האבען געטראגען אונזערע ברוכבענדער.

ביי בעשטעלונגען פער פאסט דארף מען נור איינשיקען דאס מאס פון קערפער הערום. — פרייז 1 זייטיגע 6 רובל, 2 זייטיגע 10 רובל.
149 50 16

די פירמא עגזיסטירט זייט 1885 יאהר.

Интересный и наилучшій подарокъ себѣ и знакомымъ.

Не дорого и красиво и каждому доступно воспользоваться этимъ случаемъ. **Только за 1 р.** мѣдная надверная доска, красиво гравированная (имя, отчество и фамилія заказчика) черной эмалью, весьма красиво и изящно отдѣланная и отполированная. Имѣется также большой выборъ усовершенствованной домашней типографіи по самымъ дешевымъ цѣнамъ. Каждому доступно подарить себѣ и дѣтямъ, можно самимъ составить разные тексты. Мастерская также изготовляетъ всевозможные каучуковые штепеля, сургучныя и рельефныя печати, по умѣреннымъ цѣнамъ.

Пріѣзжимъ мастерская изготовляетъ заказы въ продолженіи 2 часовъ. Иногороднимъ высылается налож. платежомъ **на 35 коп дороже.**

Адресовать:
Варшава, мастерская штемпелей Великсона Рымарская 3, (рядомъ съ Государственымъ банкомъ).
Требуются агенты. Каталогъ высылается безплатно.

פאריזער נייעסטע מאדעלע

עמפפעהלט דער בעקאנטע מאגאזין פאן דאמען-מענטעל, ווערכזען צו פוטער און קאסטיומען
ד. באראדאווסקי ווארשא, לעשנא № 9 וואהנ. 4
אויפס פערלאנג פערפערטיגע אללער ארט בעשטעלונגען אין 24 שטונדען.
25—15 147

אנשים הולים קובץ ספורים מאת א. ליבושיצקי.
מכיל: חולישת המשורר, מורך, האם מנמנמת, רוצח, החולם הקטן, המפורסם, מחיי כופר בכל.
מחירו 25 ק' בלי המשלוח.
פרי הספר מוקדש לטובת המורים העברים, שסבלו מן הפרעות בקישינוב.
להשיגו בכל בתי מסחר הספרים העברים ואצל:
Издат. „Тушія" Варшава. Verlag »Tuschijah« Warschau.
5—6 בע"פ נובוליפקי 7 מעון 9 352

דר. מ. גראדזיענסקי

ארדינאדאר אין קליניק פיר

אינערליכע קראנקהייטען

10 10 אין שפיטאל שוו. דוך (220)
נעהמט אן קראנקע ביז האלב 11 פריה און פון האלב 3 ביז 5 נאך מיטאג
ווארשוי, דזיקא 4 — (נאוואליפקי 6)

י. שעקמאן, ווארשא.

פאבריק פון זילבער 84 פראבע עט פלאטע־וואארען.
(128) 60 30

היימישע מיטטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פער-שיעדענע צייטונגען צום לעזען ביי
אהרן משכיל-לאיתן
ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7, אין טהויער, 2 שטאק. 50-20 (192)

בבית מסחר הספרים
י. ראזומאווסקי בברדיטשוב
ובהמחלקה שלו בווארשא, נאלעווקי 34 אצל א. צייל‏ענגאלד נמכרים כל מיני ספרים במקחים נמוכים.
(217) 50 12

פאבריק פון פייערפעסטע 1991516

אייזערנע קאססעס

עמפפעהלט איהר אוים-ארבייטונג נאך נייעסטעם סיסטעם, קאנקורירט מיט די פרייזען און פערגרע-סערט די №№ געגען אנדערע פאבריקען פרייז קוראנטען פראנקא
Ш. Хари, Варшава, Новолипье 40

НУЖНЫ АГЕНТЫ

321 60—7

для сбыта **издѣлій штемп. фабрикаціи и патент. предметовъ** со значительн. прибылью. **Первоклассн. производство. Не смѣшивать съ другими мелкими** заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. **Каталоги** и **условія безплатно.** Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. **И. ЗИМАНЪ, г. Бѣлостокъ**

בית־מסחר ספרים

ב. צ. שיינפינקעל

ווארשא זלאטע 63

מוכר, קונה ומהליף כל מיני ספרים בתנאים נאותים למאד.
50 13 (210)